NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12865

SHAKHTE ""BIS""

M. Alberton

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

№ 4



ביבליאָטעק
פֿאַר
דער
שול

מ. אלבערטאָן

שאכטע „ב״ס“

מ.פ.ן. 1932

ביבליאָטעק פאר שול אונ אָונט־שול

מ. אלבערטאָנ

שאַכטע „בּיס"

(געקירצט)

באַארבעט פאר שול אונ ווייניקאיזרעדיקע
דורכ י. ר. אונ ח. ש.

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

מעלוכע־פארלאג פונ ווײַסרוסלאנד
יידסעקטער

מינסק 1932

№ 678

רעדאקטאר—ד ו ב ר א ו י צ ק י.

טעכרעדאקטאר—ק א ר פ י נ א ו י ט ש.

אפגעגעבנ אינ דרוקעריי—דעמ 23/V 1932 י.

אונטערגעשריבנ צומ דרוק—דעמ 2/VII 1932 י.

דרוקעריי א. ג. סטאלינ

באשטעלונג 1310. טיראזש 4900. גלאוליטבעל 426.

וואָס מער קוילנ דעם לאַנד!

נאָכנ ארויסענדיקנ דעם „נאריאד“, איז פּיאָטר אפאנאסעוויטש רובײַלע געשטאנענ פאר דער קארטע, וואָס איז געהאנגענ איבערנ ביכער־שרענקל, אונ באטראכט דעם געאָלאָגישנ פּראָפיל פונעם געגנט. רובײַלע דארפ הײַנט אָפּגעבנ א באריכט אפּ א פארמאכטער פּארטײ־פארזאמלונג וועגנ דעם צושטאנד פונ דער שאכטע נומער פינפ „ביס“. דער מאטעריאל פארנ באריכט איז באם שאכטע־פארוואלטער גרייט. ער איז קימאט זיכער, אז ס'וועלנ אפילע קיינ איבערפראגנ ניט זײַנ. אלע ארבעטער פונ דער אלטער שאכטע נומער פינפ „יעליענע“ אונ פונ דער פאראלעלער שאכטע „ביס“ זײַנענ מיט די אלע נײַע געבײַענ אזוי פארכאפּט, אז אויסער ווילדער פרייד אונ איבערנעמענ זיך, רופנ בא זיי די באריכטנ קיינמאָל ניט ארויס. רובײַלע ווייסט, אז אויב עמעצער וועט ארויסטרעטנ, וועט ער נאָך לויבנ די קאָמוניסטישע פּארטײ; וועט אפּנ בײַשפּיל פונ דער אויסריכטונג־שאכטע „ביס“ באווײַזנ, ווי דער דאָנבאס רעקאָנסטרויִרט זיך, אונ וועט לויבנ אינ טאָג אריַנ דעם ארויסגערוקטנ פארוואלטער דעם כאווער רובײַלע.

פּיאָטער האָט אויסגעקנאקט די פינגער אונ ארויסגענומענ פונעם שראנק א לערנבוך „די בארג־קונסט“. דאָרטנ האָט ער נאָך א מאָל איבערגעמישט דאָס קאפּיטל: „דער אויסוואל פונ אָרט אפּ פארלייגנ א קאפּיטאלע שאכטע“, אונ אלצ קיינ ענטפער אפּ דעם, וואָס מוטשעט אים, ניט געפונענ. דאָס קאפּיטל וואָרנט בעפּירעש, אז באם פארלייגנ די קאפּיטאלע הייב־שאכטע דארפ מענ איינדינענ האָבנ, זי זאָל שטיינ אינ צענטער פונעם קוילנפעלדס פארשפרייטונג. אונ דאָ וועט פונקט אויסקומענ, אז ביז מע וועט דורכלאָזנ „ביס“, וועט זי בלײַבנ אנ אײנפליגלדיקע: קימאט דער גאנצער מײַרעוו־פליגל וועט שוינ ניט זײַנ. באם איבערמישנ די בלעטלעך איז רובײַלענ אופגעקומענ א געדאנק: עפּשער אָפּשטעלנ די ארבעטנ אפּ דער אלטער שאכטע „יעליענע“, ביז די נײַע וועט פארטיק ווערנ. אָבער דאָ האָט רובײַלע געוואָרפנ א בליק אפּ דער וואנט

ווי פונ די פארשיידענע לאָזונגענ האָט מיט באזונדערנ אימפעט ארויסגעשריִענ איינער: דאָס לאנד נייטיקט זיכ איצטער אינ קוילנ, ווי קיינמאָל...״ אונ דאָס גאנצע בלוט איז דעם שאכט־פארוואלטער ארײַנ אינ פּאָנעם. ער האָט דאָס ביכל ארײַנגערוקט צווישנ אנדערע אינ פּאָליצע אונ נאָכאמאָל אויסגעקנאקט די גרויסע פינגער.

„דאָס לאנד נייטיקט זיכ איצטער אינ קוילנ, ווי קיינמאָל ניט!..״

מיטאמאָל האָט זיכ אויפגעעפנט די טיר פונעם קאבינעט אונ ס'איז ארײַנגעקומענ אנטאָנינע צאט. בא איר אינ די הענט האָט געפּאָכעט א פּאפּירל — דער פארוואלטער זאָל איר אונטערשרײַבנ א „פאָדערונג״ אינ מעכאנישנ ווארשטאט, מע זאָל איר דאָרטנ דערלויבנ עטלעכע לעכלעכ אויסדרעלעווענ אפ דער דרעלמאשינ. דער פארוואלטער האָט זיכ אפנ שטול צוגערוקט צום טיש, געקוקט לאנג אפנ פאפיר, גלײַכ ס'זאָל אימ שווער זײַנ איבערלייענענ אונ אונטערגעשריבנ, זי האָט גיכ גענומענ דאָס פאפירל, אונ אוועק.

ווי נאָר אנטאָנינע צאט איז ארויס, האָט רובײַלע פארשלאָסנ די טיר פונ אינעווייניק אונ זיכ צוגעזעצט צום טיש. ער האָט אָנ זינענ געמישט די פאפירנ, וואָס זײַנענ געלעגנ פאר אימ, אונ אָנגעטראָפנ אפ דעם בריוו, וואָס ער האָט הײַנט געשריבנ אינ טרעסט אונ וואָס האָט אימ פריִער אזוי אויפגעבראכט. ער האָט איצטער נאָכ א מאָל איבערגעלייענט די אָנגעשריבענע שורעס אונ געפונענ, אז ער איז פולקאָם גערעכט. די דאָטאציע, וואָס ער בעט, איז דער איינציקער אויסוועג פונ דער געשאפענער לאגע. ער האָט זיכ נאָכ א מאָל אויפגעהויבנ, באקוקט די קארטע פונעם געאָלאָגישנ פראָפיל, אונ זי האָט אימ שוינ גאָר ניט געגרימט. ער האָט איצט געפונענ, אז די דאָטאציע איז ניט בלויז א געוויסער אויסוועג, נאָר א פרישע אידייע, — זי עפנט אויפ גלענצנדע פערספעקטיוונ. פאר די נײַע געלטנ וועט ער די קאפיטאלע שאכטע פארטיפערנ ביז אינ „קאָטשייעווער״ מעכטיקנ פלאסט [1]) אנטראציט. ס'וועלנ דעמאָלט אָנהייבנ ארבעטנ צוויי האָריזאָנטנ אונ דער ארויסבאקום פארגרעסערט זיכ מינימום אפ צוויי מאָל אזוי פיל.

דאָס לעצטע האָט רובײַלע נאָכ ניט דערשריבנ.

אינ טיר האָט מענ ווידער אָנגעקלאפט. רובײַלע האָט אויפגעשלאָסנ אונ ארײַנגעלאָזט אינ קאבינעט דעם דײַטש, דעם עלטסטנ מאָנטיאָר פונ דער הייבמאשינ — בעזוערנ אונ ליטוארנ דעם גראבער. בעזוערס פּאָנים איז ווי שטענדיק געווענ שטרענג, אָנגעצויגנ. נאָר איצטער זײַנענ אימ ז[illegible] קליינע ליפנ גע־

---

[1]) פלאסט—שיכט קוילנ.

װען בלאָז. מע האָט גלײַך געקענט באמערקן, אז די בלאָזקײַט איז פונ רע־צילע. ער האָט געבעטנ דעם טאָטער איבערגעבנ, אז ס'איז אומעגלעכ אזוי פיל פארציִענ, נאָכ יעדער קלײניקײַט פאר דער אויסשטאטונג דארפ מענ נאָכגײנ טעג, װאָכנ. ליטזאר—א געװעזענער קריג־געפאנגענער אינ דײַטשלאנד—האָט מיט די הענט געװיזנ, אז אפילע נאָכ גלאָז־פאפיר דארפ מענ נאָכגײנ טעג.

שרײַבנ, ביז מע שנײַדט אָנ אינ מעכאנישנ װארשטאט, גײט אװעק אָנ א שיר צײַט. דער שאכט־פארװאלטער האָט זיכ אָנגעשפארט אָנ פארענטשע פונ זײַנ שטול אונ געװענדט זיכ צום דײַטש, גלײַכ װי דער פארשטײט, װאָס מע רעדט צו אים.

— פארװאָס זשע פאָדערט איר ניט, מע זאָל אויספילנ אײַער באשטעלונג צודערצײַט? אונ פארװאָס האָט איר מיר ביז אהער װעגנ דעם ניט גע־מאָלדנ?

— אלע אונדזערע באשטעלונגענ גײענ דורכ דעם כאװער גאסינסקי. אונ דורכ אים האָבנ מיר שוינ פיל מאָל פראָטעסטירט קעגנ אזא באציִונג.

אפאָנעם, װײַל דער דײַטש האָט גערעדט צום טאָטער, האָט־שוינ פיאָטער אפאנאסעװיטש זיכ אויכ געװענדט צו אים:

— מיר האָט װעגנ דעם גאדזינסקי קײנ אײנ מאָל ניט געזאָגט.

דער דײַטש האָט אזוי בײז אונ געשװינדט געקײַעט, אז דער געװעזענער קריג־געפאנגענער האָט אויכ ניט פארשטאנענ, װאָס מע רעדט צו אים. ער האָט װי א שטומער געקוקט אפנ דײַטשס קלײנ פארבלאָזט מויל, פונדאָרטנ געכאפט אײנציקע װערטער אונ זי גיכ אריבערגעשלײַדערט צום פארװאלטער אפ א שלעכטנ רוסיש, אויכ שטארק בײז:

— נאכלעסיק... דער מעכאנישער װארשטאט... די באזע... די ארבעטער, אלע ארבעטער... כאװער גאסינסקי קלאָגט זיכ קעסײדער אפ די ארבעטער... אפ זײער גלײַכגילטיקײַט... אפ זײער נאכלעסיקײַט צו דער ארבעט. צו דער אופציִמאשינ [1]... גאסינסקי קומט מיט ארבעטער זײער שלעכט אויס... האָט ליטזאר געענדיקט בײז אויסגעלאָזט.

דער פארװאלטער האָט דערויפ גאָרניט געענטפערט. ער האָט זיכ אופגעהויבנ פונ שטול, ארויסגעלאָזט פאר זיכ די באזוכער אונ איז אװעק גלײַכ צו דער אופצי־געבײַדע. דאָרט איז גאדזינסקי ניט געװענ. אינ אונטערשטנ שטאָק איז טאָניע געשטאנענ אפ א לײטער אונ אָנגעצױגנ שנור אפ די ראָליקעס איבער די באלקנס.

---

[1]) אופצי־מאשינ—הײב־מאשינ.

— דערמיט, כאווערטע צאט, ענדיקט איר שוינ ארויס די גאנצע ארבעט?

— די עלעקטראָמאָנטאזשנע ארבעט איז שוינ בא אונדז קימאט אינגאנצנ פארטיק. איבערהויפט אינ דעם שטאָק. דאָ ענדיקנ מיר שוינ ארויס די באלײַכטונג אונ די אויסצארבונג.

טאָניע איז אראָפּ פונעם לייטער אונ געבעטנ פּיאָטער אפאנאסעוויטשנ גײנ אָנקוקנ די באפארבונג פונ די שינעס אינ דער פארטײל־קאמער.

— איר זעט, כאווער רובײלע, יעדער פאזע אינ אנ אנדער פארב אויסגעפוצט.

— איר זײַט גוט באקאנט מיט דער אויסשטאטונג?—האט דער פארוואלטער געפרעגט.

— באקאנט.

— זאָגט זשע מיר, פארוואָס איז די הײב־מאשינ נאָכ אזוי טרויעריק פארנט?

— איכ, כאווער רובײלע, ווייסט נאָר אינ עלעקטראָמאָנטאזש. וועגנ דער הײב־מאשינ פרעגט באם כאווער גאדזינסקי. ער ווייסט אלץ. ער ווייסט אזוי גוט.

— אזוי גוט, זאָגט איר, ווייסט גאדזינסקי. אויב אזוי זאָגט זשע מיר...

ס'איז אָנגעלאָפנ פארסאָפּעט זשאָרוש גאדזינסקי. ער האָט אײנ זשמורע געטאָנ מיט די דערשראָקענע אויגנ אינ פארוואלטערס זײַט אַרײַנ אונ שוינ איבערגעפירט דעם קוק צו טאָניען אונ געזאָגט:

— הייסט עס אזוי: נאט אײַכ, כאווערטע צאט, אָט דאָס „טע־שטיק[1]) אונ פארטיניקט איבער די רויטע שינע. זי איז שלעכט אײַנגעקלעפּט. הײַנט מוז ווערנ פארטיק די באלויכטונג דאָ פונטנ,—וועלנ מיר זיכ גלײַכ קענענ נעמענ ארויסענדיקנ דעם מאָנטאזש פונ די מאָטאָרנ. איכ וועל אײַכ באלד צושטעלנ נאָכ אנ עלעקטריקער. אונ, דוכט זיכ... אלץ...

— נײנ, כאווער גאדזינסקי,—האָט דער שאכט־פארוואלטער זיכ אומגעריכט ארײַנגעמישט,—נאָכ ניט אלץ.

— וואָס זשע?—האָט זשאָרוש געזשמורעט די אויגנ.

— פארוואָס שטײט בא אײַכ אזוי אָפּ די הײב־מאשינ?

— הא!—האָט זשאָרוש זיכ א כאפּ געטאָנ מיט אזא שרעק, גלײַכ מע האָט אינ אים געצילעוועט, נאָר ניט געטראָפנ,—פאר דער הײב־מאשינ בינ איכ ניט פאראנטוואָרטלעכ.

---

[1]) טע־שטיק—אנ אָנגעשניטנ שטיקל טרײַבל, וואָס פארייניקט דרײַ עקנ (זעט אויס ווי א T).

— אָבער פאַר די באשטעלונגען, וואָס וועלן ווערן אויסגעפילט צודערצו זינט איר יאָ פאראנטוואָרטלעך.

— איר מיינט געווים ניט, פיאָטר אפאנאסיעוויטש, אז איך אליין וועל אלץ שאפן.

— ניין, בלויז מאָנען צודערצו.

— ווען מאָנען וועל העלפן.

— איר האָט זיך מיר אמאָל וועגן דעם געקלאָגט?

— צוליב וואָס קלאָגט זיך, כאווער רובילע?

— איר האָט דאָס אויך ניט געפונען פאר נייטיק?

— פארטיק בא דיר דער פאָרטראג, פעטרא,— איז פלוצים אהער צוגעקומען מיט א פראווע דער סעקרעטאר פונעם פארטיי־קאָמיטעט פיליפ סאָטניק. ער האָט געגעבן די רעכטע האנט דעם פארוואלטער, די לינקע דערלאנגט סאָניען, און נאָכדעם צוריק מיט דער רעכטער ארומגענומען סאָניעס צאפלדיקן קערפער:— וואָס ביזטו אזוי אדורך נאקעט איינגעטוליעט? אך, איז דאָס בא אונדז א חויל מיידל, פעטרא אכוואנאסעוויטש. נאָר אזא שאכטע ווי „ביס" קאָן זיך פארגינען האָבן אזא עלעקטראָטעכניקער מיט אזעלכע אויגן.— נאָכדעם האָט ער צוגענומען די הענט פון סאָניען און צוגעגעבן: — ווען מיר דיך היינט, פעטרא, ווידער קאטשען.

— וואָס איז?

— ניט אומזיסט זאָגט דער אלטער צאט, סאָניעס „פאכאנ", אז דו מאכסט זיך טאמעוואטע. די לופט־איינבלאז צו דער רייאָנער עלעקטרע־סטאנציע, וואָס ווערט פארטיק, איז בא דיר א גאָרניט?!

— ההא... האָט רובילע א שווערן זיפץ געטאָן.—יאָ, איינגיכן ווערט זי פארטיק

— הער, טאָנקע, לאָמיר אים היינט ביידע קאטשען. ער איז א חוילער באַ־כער אונדזער שליטלער. ער איז נאָר אביסעלע א געשטופלטער. ער איז גע־ראָטן אין מיר.

— אי, אי, אי, א פארוואלטער באליידיקן! מע מעג דען?—האָט סאָניע נאָכגעשריגן דעם אוועקגייענדיקן סעקרעטאר.

— האָבן מיר דאָ, כאווערטע צאט, אסאך אָנגעבויט.

— זייער אסאך.

— עטלעכע הונדערט נייע הייזער אויסגעבויט. צוויי שולן, א קלוב. איצט בויט זיך דער אונטערערדישער קאָמבינאט פון א קאנטאָר, לאָמפאָווע[1]

[1]) לאָמפאָווע—לאָמפן־קאמער.

מיט אַ באָד. קעדײַ דער אַרבעטער זאָל פֿון דער שאַכטע גלײַך אַרײַן אין באָד, און מע זאָל קיין שמוציקע שאַכטיאָרן אין דער נײַער קאָלאָניע ניט זען...
און דאָך באַקומט מיר דאָס אַלץ ניט.

— און מיר געפֿעלט דאָס זייער.

— דאָס געפֿעלט אַלעמען. אָבער די שאַכטע בויט זיך שוין העכער זעקס יאָר.

— וואָס זשע איז אַזוינס? — האָט טאָניע געפֿרעגט מיט אַזאַ גרינגקײַט גלײַך דאָ גייט אין אַ מינדסטער קלייניקײַט.

— פֿריִער איז דאָך קיין געלט ניט געווען.

— האַ! — האָט ער אויסגעשריגן.

— אַז מיר האָבן ווייניקער געלט, בויען מיר ווייניקער. אַז מיר האָבן שוין מערער געלט, בויען מיר מערער.

איצט האָט דער פּאַרוואַלטער צעגאָסן אַ שמייכל אויפֿן ברייטן פּנים.

— אויב אַזוי, איז בײַ מיר דער פּאַרטראַג גרייט, — האָט רוביילע געזאָגט צופֿרידן און אַרויפֿגעלייגט זײַנע מעכטיקע הענט אויפֿן מיידלס קליינע אַקסלען.

— ביזט בײַ אונדז, טאָנקע, אַ מעיוכעסטע. אַן עלעקטרע־טעכניקער אַ פֿרוי.

אָבער זי פֿירט אַריבער דעם שמועס און זאָגט ערנסט, ווי צו אַ פֿאַרוואַלטער:

— ווען אונדזער „ביס", כאָווער רוביילע, טאַקע זײַנען די גרעסטע שאַכטע אויפֿן דאָנבאַס?

— איינע פֿון די גרעסטע, — ענטפֿערט שוין רוביילע אָפּ ערנסט. און מיט ווייטיק גיט ער צו: — אָבער אַזויפֿיל יאָרן בויט זי זיך. פֿאַר דער צײַט איז שוין באַלד דער מײַרעוור־פֿליגל נישטאָ.

טאָניע פֿילט אין די ווערטער אָן שיר עכטע יעסורים. זי פֿאַרשטייט, אַז רוביילע נעמט זיך זייער אָן פֿאַר דער שאַכטע, און זי זאָגט אים מיטן גאַנצן מיטגעפֿיל, וויפֿל זי פֿאַרמאָגט:

— מיר זײַנען ניט שולדיק, אַז מיר האָבן ניט מיטאַמאָל קיין סאַך געלט, און קיינער וויל אונדז ניט באָרגן. מוטשען מיר זיך דערפֿאַר מערער מיט אַביסל.

פֿון אַזאַ פּאַשטעס און קלאָרקײַט ווערט פֿיל לויטערער אין קאָפּ, און ס'ווערט גרינג־גרינג אויפֿן האַרצן...

— אַזאַ גראַנדיִעזע שאַכטע, כאָווערטע צאַט, בויען מיר. און אַזוינע גרויסע פֿעלערן מאַכן מיר...

— ווײַל מיר האָבן ווייניק וויסער אין גרויסע שאַכטעס.

די ערשטע פּראָבע.

צו דער עפענונג פון דער שאכטע „ביס" גרייט מען זיך שוין פון גאנצ לאנג.

ווען דער הייב־קאָרב [1]) זאָל בא דער פּראָבע אזוי אומגעריכט זיך ניט בע־חוען אָפּרײַסן, וואָלט מען די נײַע, אינגאנצן פאַרטיקע שאכטע געקענט דורכ־לאָזן די נאָענטסטע וואָכן.

דער אָפּרײַס פונעם קאָרב איז געווען אזוי אומגעריכט, אז ווען ראָמאַנ צאט איז ארויס פון דער שאכטע ארויף—„נאהאָרא" [2]), האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אז דער גאנצער דרויסן שטייט מיט אן אָפן מויל געפּלעפּט און קאָן ניט קומען צו זיך, פאַרשטיין, ווי ארום האָט אזעלכעס געשען.

ער קאָן שווערן, ראָמאַנ, אז ער, עפּשער ער דער איינציקער, האָט געוווּסט פאָרויס, אז דער קאָרב וועט זיך אָפּרײַסן. א סימען: ווען צאט האָט דערהערט אהער אין דער אלטער שאכטע ארײַן דעם דויערדיקן, פאַרדומפּטן פליזסק פונעם „זומפּ" [3]) ארויס, האָט דער שאכטיאָר זיך ניט געלאָזט צום „ביס־שטאם [4]). נאָך מערער: ער איז אויך ניט געלאָפן צום ארויסגאנג פון דער שאכטע „יעליענע". ער איז געלאָפן צום שורף [5]): דאָס איז טאקע דער נאָענט־סטער וועג.

פונעם שורף צום „ביס" איז ראָמאַנ געלאָפן, געווען זיכער, אז דאָרטן קען איצט גיין די עמעסע זשובערײַ. נאָר דאָ אפן גרויסן פלאצ האָט ער גאָר אלעס געטראָפן פאַרשטיינערט, אָן א סימען פון קאָנען קומען צו זיך.

ראָמאַנ האָט דעמאָלט מיט אמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעטאָן די ברילן, וואָס ער טראָגט זיי נאָך דער ארבעט, און גזעזן, ווי די זון איז באדעקט מיט א שיטערער כמארע, צי גאָר מיט אָט דעם דאמפּ, וואָס האָט געזעצט אָדאָ אפן פלאצ פונעם קאלעכ־גרוב. נאָר געשײַנט האָט זי, ~~די זון, דויטלעך צו~~ געשלאָגן, ווי פײַער פון א קאלעכויוון, ווען די קוילן זײַנען נאס. אלע אר־בעטער אפ א גרויסן ארום זײַנען געבליבן, ווי פון א קישעף געליימטע, אָן א מינדסטן ריר. הויכ־הויכ באם שפּיצ, פון קאָפּיאָר [6])¸ איז געשטאנען א

---

1) הייב-קאָרב—קאָרב, אין וועלכער מע לאָזט זיך אראָפּ אין שאכטע.

2) נאהאָרא—ארויף אינדרויסן.

3) זומפּ—א גרוב פאר אָנגעראָנענעם וואסער.

4) שטאם—אויסארבעטונג, וואָס פאַרייניקט דעם דרויסן מיט די אונטערערדישע גאלערייען.

5) שורף—א ווערטיקאלע אויסארבעטונג אפ אויסאָרשן, שפּעטער—א ווענטיליאציע.

6) קאָפּיאָר—אײַנשטעלונג פאר די הייב־קאָרבן.

קליין מענטשעלע, דאָס בערשטל געהאַלטן באַם געפֿאַרבטן אײַזן, ניט געפֿירט אײַנערגעץ מיט דער האַנט, נאָר דאָס מויל מיט די אויגן געווענדט אַראָפּ, צום ברונעם־לאָך. ווײַט־ווײַט אויף די רישטאָוואַניעס פֿון א דרײַשטאָקיק הויז איז א קליין מוליערל געשטאַנען אָנגעבויגן מיט א ציגל אין דער רעכטער האַנט, דעם לינקן פֿוס אויסגעשטרעקט האָריזאָנטאַל. און אַן אַנדערער, נאָך א קלענערער מוליער איז געשטאַנען נאָך ווײַטער מיט אַן אָפֿן מויל, וואָס איז געליימט געוואָרן אינמיטן א געשריי טאָג—געווענדט אַהינצו, צום קאָפּיאַר.

אַלע הײַזער, אַן שיר נײַע הײַזער זײַנען געשטאַנען אײַנגעזונקען מיט אָפֿענע מײַלער־פֿענצטער און זיך ניט גערירט אַפֿילו אַקעגן דער פֿאַרע, וואָס האָט שטיל געשוועבט איבער די קאַלכגריבער. רעכטס אָפֿן שליאַך איז געבליבן שטיין א לאַסט־אויטאָמאָביל, אָנגעפֿילט מיט בלעך. און האָט אַפֿילו ניט געציטערט. פֿון מײַרעוו־זײַט איז געשטאַנען א צוג, אָנגעלאָדן מיט צעמענט־ליים, זאַמד—קוים אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט אויף א הייב פֿונעם סעמאַפֿאָר, נאָר דער האָט זיך ניט געהויבן. שוין אַפֿילו גאָר נאָענט צום שאַכט־ברונעם האָט ראָמאַן אָפֿן פּלאַץ ניט באַמערקט קיין פֿאַרע גיין פֿונעם קאַלכגרוב; און דער רויך פֿונעם פֿײַער, אויף וועלכן מע האָט געוואַרעמט קליי, האָט זיך אויך ווי אָפּגעשטעלט און זיך ניט געהויבן. בלויז דאָס וואַסער, וואָס האָט געפֿלאָסן פֿונעם רער אין קאַלך־גרוב אַרײַן, האָט זיך געריסן, געבולבעט און אַפֿילו געזשורטשעט. און ס'איז געווען ניט פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס האָט עס, דאָס וואַסער, זיך אויך ניט אָפּגעשטעלט...

ביז ראָמאַן איז צוגעלאָפֿן צום „ביס", איז געוואָרן ליכטיקער, העלער, אַלעס האָט אויפֿגעלעבט און זיך גערירט פֿונעם אָרט. און ס'איז נאָך א מאָל אַוועק דאָס ליגן ציגל, פֿאַרבן, אַרײַנפֿראַוועז מיט דעם אימפּעט, וואָס הערשט שוין פֿון א שטיק צײַט אויף דעם גרויסן פּלאַץ.

און שוין דאָ, נאָענט, איז דער שאַכטיאָר געוואָרע געוואָרן, אַז גאָר דער שטרענגער דײַטש מיטן אײַנגעצווונגענעם בויל—בעזער—איז שולדיק: ער האָט עס צו זיכער א שלעפּ געטאָן די מאַנעווריר־הייבערס, וואָס אַנקעגן דער הייב־מאַשין. פֿאַר איין אויגנבליק האָט זיך דער קאָרב דאָרטן אין קאָפּיאַר געטאָן א ריס אַרויף, א זעץ—און גלײַך האָבן שוין געכוואַליעט איבערן גאַנצן הודעדיקן אַרום אָפּקלאַנגען פֿון א שרעקלעכן, פֿאַרדומפּטן דונער.

דער אַלטער קוילנגרעבער האָט דעמאָלט זיך א וואָרף געטאָן מיט די אויגן חכב רובײַלען, דעם כאַווער רובײַלע, פּעכראָ אַכוואַנאַסעוויטשן. אָבער צאַט האָט אים דאָ ניט געזען, א שײנע זאַך: כאַמע דאָ, לעבן דער הייב־געבײַדע, באַם קאָפּיאַר זעט מען ניט דעם שאַכט־פֿאַרוואַלטער.

האָט ראָמאַנ נאָכ מערער װי שטענדיק אַרײַנגעצױגנ דעמ קאָפּ אינ די אַקסלענ אונ געמאַכט עטלעכע שפּאַנ צו דער קאַנטאָר: פאַרשטײט זיכ, ער װיצט דער סאַמע עלטסטער בא זיכ אינ פאַרװאַלטער־קאַבינעט, קוקט קאָסע מיט די אױגנ אינ פאַפּיר אַרײַנ, און דאָס גרױסע פלעצלדיקע פּאָנעמ איז אַזױ רױִק, װי ער האָט זיכ אָקערשט אױסגעשלאָפנ, און איז זיכער, אַז קײנ פליג װעט אים קײנ ביס ניט טאָנ...

נו, אונ װאָס איז דאָס פאַר א „גאַסור" בא א מענטשנ — האָט דעמאָלט ראָמאַנ ניט פאַרשטאַנענ, ס׳נעמט אים גאָר קײנ קול ניט, קײנ זאַכ רירט אים ניט. צאַטנ האָט זיכ געװאָלט דורכנ פענצטער א געשרײ טאָנ:

— הײ, פּעטראָ, דעמ שליסנ שלעפּ פלינקער!

— גרױסער מורלאָ, די שאַכטע האָט מענ געקענט דורכלאָזנ נאָכ צוריק מיט גאַנצע זעקס יאָר. אונ איבער דיר איז זי נאָכ ביז הײַנט ניט אָפנ.

אָבער צאַט האָט ניט געקלאַפּט אונ ניט געזאָגט. ראָמאַנ האָט בא זיכ געפּועלט, אַז איב ער האָט געשװיגנ אַזױ לאַנג, װעט ער שװײַגנ נאָכ א פּאָר כאַדאָשימ ביז דער עפענענ. אָפּנ יאָנטעװ, סאַמע דעמאָלט, װענ פּעטראָנ־ניינ, פּיאָטר אַפאַנאַסעװיטש, כאַװער רובײלע — װעט זיצנ אױבנאָנ דער לאָכ, אָפּנ הױלנ קאָפּ, װאָס ער האָט געבראַכט פונ דער מילכאָמע מיט די װײַסע, װעט זײַנ אָנגעגאָסנ מיט שװײס, אונ ער װעט כיטרע, צופרידנ שמײכלענ מיט זײַנע פּיצינקע אײגעלעכ, — אָט דעמאָלט װעט ראָמאַנ צאַט ארופּ אָפּ דער טריבונע אונ בעטנ א װאָרט. איז אָט דעמלט װעט צאַט פּעטראָנ אַלצ אַרײַנזאָגנ. ראָמאַנ װעט אָט דעמ יאָנטעװ אַלעמענ דערצײלנ די גאַנצע געשיכטע פונ דער שײנהײַט „ביט". דעמאָלט. אָפּ דער פּײַערונג װעלנ שױנ אַלע װיסנ, װער ס׳האָט די שאַכטע פאַרטראַכט, װיאַזױ זי האָט זיכ געבױט אונ געשטײַגט, אונ פאַרװאָס זי האָט זיכ אָפּ אַזױ פיל יאָרנ פאַרהאַלטנ...

כאָטש דער „שפּאַנ"[1]) האָט זיכ נאָכ ניט אױסגעלאָזט, האָט ראָמאַנ צאַט צוריק אינ שאַכט ניט געװאָלט זיכ אומקערנ. דאָ גײט ניט אינ געלט. אױב אַזא געשעעניש איז פּאָרגעקומענ, קענ ראָמאַנ צאַט פאַר דער װאַכטע אײנגאַנצנ קײנ סכירעס ניט בעטנ. אונ סמײַ ניט ער שױנ אָנגעטאָנ אינ די ברילנ, װעלכע ער טראָגט בלױז נאָכ דער אַרבעט.

ראָמאַנ האָט זיכ צוגעזעצט אָפּ אַנ אַלט לײדיק פּעסל פונ צעמענט אונ באַטראַכט האָט צו טאָנ װײַטער. איצט איז װידער א מאָל נישטאָ מיט װאָס אַראָפּלאָזנ די סאַמע שװערסטע אױסשטאַטונג: די קרילנשניטערס[2]) עלעקטראָלאָקאָ־

---

1) „שפּאַנ" — װאַכטע.

2) קרילנשניטער — א מאַשינ אַפּ [illegible]

מאָטיוון, טראַנספּאָרטמאַטערס. אויב אזוי, איז ס'ערשטע דארפ מען צופראַווען דעם קאָרב, און... גאָר. ווי גיכער ראָמאַן וואָלט א באַלן זײַן אָט די אַלע מאַשינעס שוין זען בא דער ארבעט! ס'איז גאָר ניט צו פארשטיין, ווי מענטשן ארבעטן אזוי אָן אײַלעניש.

דאָ איז אינמיטן־דרינען אונטער זײַן פלייצע דורכגעגאַנגען דער שאַכט־פּארוואַלטער, און צאַטן איז געוואָרן ניט אָנגענעם דאָ צו שטיין. ער האָט נאָכגעקוקט רובײַלען: דער האָט מיט זײַן גאַנצער גרייס געשפּאַנט אין די שוואַרצע, אויסגעפּרעסטע הויזן אזוי גרויסאַרטיק, ווי אַן עכטער שאַכט־פארוואַלטער... האַלעוואַי דרייט ער זיך איצטער אויס אַהערצו מיטן פּאָנעם, האַלעוואַי פארטשעפּעט ער איצטער מיט א וואָרט צאַטן,—ראָמאַן וואָלט אים אַלעס ארויסגעזאָגט, וואָס ער האָט אים שוין פון לאַנג אָן צו זאָגן... נאָר דער פּארוואַלטער שפּאַנט גלײַך אַהינצו צום קאָפּיאָר.

ראָמאַן האָט זיך דערמאָנט א לאָז געטאָן צום שאַכט־פּארוואַלטער אים אַלעס ארויסזאָגן. נאָר פּיאָטער אַפאַנאַסעוויטש האָט זיך גראָד אָפּגעשטעלט לעבן איינעם פון די דײַטשישע מאָנטיאָרן, לעבן בעזערן, און צאַטן האָט דערוויַל צוגעוואַרט. דער דײַטש האָט גערעדט אפּ רוסיש שלעכט. די ווערטער זײַנען בא אים ארויס, ווי אויסגעשרייען. ער האָט געטײַנעט און דעריקער געמאַכט גרימאַסן מיטן אָפּגעצויגענעם פּאָנעם. ראָמאַן האָט פונדערווײַטנס פארשטאַנען, אַז דער דײַטש דערווײַזט זײַן אומשולד. די פארזיכערונגען באַם עלעקטראָמאָנטאַזש זײַנען ניט אין אָרדענונג. דער קאָנטאַקט אפּ דער עסטאַקאַדע [1]) איז ניט אויסרעגולירט. פארן פרובירן דעם הייב־קאָרב האָט מען געמוזט אָט דעם קאָנטאַקט אויסרעגולירן. ווער האָט זיך גערעכנט אפּ אזא סיורפּריז!.. אזא סיורפּריז!. דער שטרענגער דײַטש האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט „סיורפּריז", גלײַך אין דעם וואָרט זאָל ער געפינען זײַן רעטונג.

דער אַלטער שאַכטיאָר איז געווען צופרידן, וואָס דער דײַטש פארענטפערט זיך, נאָר דער פארוואַלטער האָט פּלוצים פארלאָזט דעם דײַטש און געשפּאַנט מיט זײַן גאַנצער גרייס אַהערצו.

דער שאַכט־פּארוואַלטער האָט זיך אויסגעגלײַכט מיטן אַלטן שאַכטיאָר, ארופגעלייגט אפּ זײַן אופגעהויבענעם אַקסל א גרויסע לעפּישע האַנט און געזאָגט:

— וואָס הײַנט, כאַווער צאַט, ארבעטן מיר ניט?
אָפּגעזאָגט און שוין אַוועק.

---

[1]) עסטאַקאַדע—א געבײַ, צוגעפּאַסט אפּ ארויסשיטן די וואַגאָנעלעך קוילן מיט שטיינשלאַם.

ראָמאַנ איז געגאַנגענ צו דער אַלטער שאַכטע, צום שאַכט־ברונעם פונ „יעליענע“. איבערנ גאַנצנ וועג זײַנען געשטאַנענ אַרבעטער שמוציקע, באַגאָסענע מיט שווייס, אָבער דאָך ליכטיקע, אײַנגעשטעקטע אינ זונ און אַלצ באַפאָרעס די נײַע שאַכטע נומער פינפ „ביס“. דאָ האָט מענ געגראָבנ קאַנאַלנ פאַר עלעקטרישע קאַבעלנ, פאַר וואַסערלײטונג; דאָרטנ האָט מענ אויסגעגלײַכט שטיקנ ערד אָפ פאַרזעצנ יונגע ביימלעך פאַרנ ייִשעװ וועגנ; אײַנגעגראָבנ הויכע סלופעס, צוזאַמענגעבונדנ זײ מיט קאָלערלײ דראָטנ.

דער אַלטער קוילנגרעבער האָט זיך אַזױ פאַרקוקט אָפ אײנעם, וואָס האָט אָפנ שפיצ סלופ געאַרבעט, אַז ער האָט גאָר ניט געפילט, ווי ער גײט מיט דער פלײצע צו דער שאַכטע און מיטנ פּאָנעם געווענדט צו דעם, וואָס אַרבעט אָפנ שפיצ קלאָצ. איצטער אָ האָט ער זיך גראָד דערמאָנט אָנ די לאָזונגענ, וואָס הענגענ אָפ א דרויסנדיקער וואַנט פונ דער הײב־געבײַדע, און איז געווענ זיכער, אַז ערשט איצטער פאַרשטײט ער זײ זײער גוט:

„זײַ פאָרזיכטיק באַם אָנציִענ די דראָטנ!“

„פונויבנ אַרבעט מענ—שטײ ניט אונטערנ מאַסט!“

גרויסאַרטיקע לאָזונגענ! ווענ צאַט האָט א דײע, מאַכט ער אַזאַ קינאָ, וואָס זאָל באַווײַזנ די וואָזשנע לאָזונגענ מיט גרויסע אויסיעס און צוגעפאַסטע בילדער—אינ גאַס, באַ דער אַרבעט אינ שאַכטע. ניט פאַרשטופנ זײ אינ א ווינקל, קײנער זאָל זײ ניט באַמערקנ.

גײענדיק אָפצוריק מיט דער פלײצע, האָט ער זיך אָנ עפּעס אָנגעשלאָגנ און איז געפאַלנ. ער האָט זיך גלײַך אופגעהויבנ. אויסגעקרעצט זיך און דערזענ פאַר זיך א צעקאַליעטשעט וואַגאָנדל... מם... ווענ ער קאָנ אויספירנ, ראָמאַנ צאַט, וואַרפט ער דאָס גאַנצע אַלטע אַרויס צום טײַוול צוזאַמענ מיט דער אַלטער שאַכטע... פררר! ווי ער האָט זיך א קלאַפּ געטאָנ אינ רוקנבײנ. אַלעס איז דאָ אַזױ אָנגעשטעלט. אָנגעשטעלט... אינ דער ערד אַרײַנ... ווענ ער קאָנ אויספירנ, צאַט!..

נאָכדעם, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דורכנ אַלטנ שטאַם פונ „יעליענע“ מיטנ צעטאָרמאָשעטנ קאָרב, האָט אים שטאַרק געקלעמט באַם האַרצנ, און ס'איז געווענ נודנע־נודנע. די קאַלטע ציפּקעס, וואָס האָבנ געגאָסנ אינ שאַכט־ברונעם, האָבנ אים ניט בלויז גענעצט, נאָר געעקעלט און געעקלט. א מינ ענגשאַפט, א מינ אָנגעשטעלטקײַט אינ אַרצ־הויפּ! אומעגלעך זיך א קערעווע טאָנ. אַלעס־אַלעס האָט אים דאָ אַזױ דערקוטשעט און אופגעבראַכט, גלײַך ער איז דאָ דאָס ערשטע מאָל... זע נאָר טירנ ווענטיליאַציִאָנע, זײער צומאַכנ זיך... יאָ, ראָמאַנ האָט גאָר פאַרגעסנ צומאַכנ די ווענטיליאַציע־טירנ פונעם שורפ!..

מײלע, אַף הײַנט זאָל זײַן אַזוי. אַז װעט ער נאָר גײן זיך שלעפּן דורך אױעלכע װעגן אױש צום שורף... נאַגריװען, מע האָט עס געמאַכט פֿאַר מענטשן. װי קאָן מען עס אין װי גײן, אַז ס'איז אַזױ נידעריק און אונטער די פֿיס איז שרעקלעך גליטשיק, און ס'איז שטאָל אפֿן האַרצן ביז צום כאַלעשן.

דער אַלטער קױלנגרעבער האָט זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן און דערפֿילט, אַז ער גײט אָן דעם לעמפּל, אָן דעם שאַכטיאָרישן. אָבער דערשראָקן האָט ער זיך נישט. פֿאַרקערט, אָן דעם לעמפּל האָט דער געניטער קױלנגרעבער זיך געפֿילט גראַמער, הײמישער אין די פֿינצטערע גאַלעריען. ער האָט איצט גע־שפּאַנט מיט די צעטאָפּטשעטע לאַפּטיעס װיכער און זיך קײן אײן קלאַפּ נישט געטאָן... אָט דאָ באַלד ליגט אַ גרױס שטיק שטײנשלאַק, דאַרף מען פֿאַר־קערעװען אַף רעכטס... איצט דערנעענטערט ער זיך צו דעם אָרט, װוּ די סטעליע האָט זיך געװעצט, דאָס האָריזאָנטאַלע באַליקל איז אײַנגעבראָכן און ס'פּאַרטשעפּעט אַלע דורכגײער. װײַטער אַביסל האָט זיך אָנגעבלאָזן די פּאָד־לאָגע, מוז מען די באַהעלטעניש אַרומגײן... און דאָ נישט װײַט ליגן עטלעכע צעבראָכענע װאַגאָנעס, דאַרף מען אַריבערקריכן איבער זײ.

אָט אַזױ האָט ראָמאַן געשפּאַנט פֿעסט, אַף אײן אָרט זיך נישט פֿאַרטשע־פּעט. נאָר געגאַנגען איז ער אָן אַ שום מײַנ, סטאַם געגאַנגען. און װען ער האָט אומגעריכט פּונװײַטנס דערזען עלעקטרישע שײַן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז שױן אָפּגעגאַנגען איבעריקס: ער האַלט שױן בײַ קװערשלאַג [1], װאָס פֿאַרײניקט די אַלטע שאַכטע נומער פֿינף, געװעזענע „יעליענע", מיט דער נײַער שאַכטע נומער פֿינף „ביס".

ראָמאַן צאַפּ איז דערמאַלט אַרויס אַף דער שטרעק, װאָס פֿירט צו דער גרױסער צװײהונדערטמעטערדיקער לאַװע, װעלכע מע האָט צוגעגרײט אַף מעכאַניזירן. לעבן איר איז געשטאַנען יערעמין, דער דעסיאַטניק פֿון דער קינפֿטיקער מעכאַניזירטער לאַװע, מיט נאָך צװײ קױלנהעקער. יערעמין האָט דערצײלט די העקער װעגן דעם קאָרב, געלאַכט מיט זײַנע קװיטשעדיקן גע־לעכטער און אָנגעװיזן, װי די קױלנהעקער זאָלן אַף דער צװײטער װאַכטע אַרױסנעמען אַ שטיק פּלאַסט. יערעמין האָט קײן אײן מאָל נישט דערמאָנט דאָס װאָרט „אַרבעטן", נאָר „קאַליטשע די לאַװע", „אױסבײַסן פֿון איר שטיקער", „צעקאַרדאַשע זײ" — און האָט, װי קעסײדער, געלאַכט מיט זײַן געלעכטערל.

---

1) קװערשלאַג — אַ [illegible] װאָס שטײנשלאַק אַף פֿאַרײניקן צװײ פּלאַסטן.

יערעמינס געלעכטער איז אויסגעקומענ אומגעלומפערט, כוזעקדיק. אונ ראָמאַנ האָט דאָס ניט געקענט איבערטראָגנ. ווענ דער דעסיאַטניק האָט זיכ געווענדעט צום ראָמאַנענ.

— כאָווער צאַט, וועסט איר מאָרגנ אויסגיינ צו דער לאַווע זי בײַסנ?— אונ דערבײַ געלאַכט, האָט ראָמאַנ ארויסגעכאַפּט דעם קאָפּ פונ די אַקסלענ אונ שטרענג געפרעגט:

— וואָס־זשע לאַכסטו?

דער דעסיאַטניק האָט דאָס געלעכטער שוינ אָפּגעוואָרפנ אונ זײַנ פּאָנעם איז געוואָרנ נאָכ בלייכער, אויסגעמאַטערטער.

— איכ,—האָט ער אָנגעוויזנ אפ זיכ,—לאַכ ניט.

— סאָ־טאָ...

מער האָט דער אַלטער קוילנגרעבער נאָכ ניט געזאָגט אונ איז אוועקגעגאַנגענ... ניינ, איכ זײַנ לופטער [1]) גייט הײַנט צאַט ניט ארבעטנ... ראָמאַנ האָט אײַנגעצויגנ דעם קאָפּ אינ די אַקסלענ אונ איז געגאַנגענ אזוי געהויקערט, ווי געהויקערט ער גייט אינ דער שאַכטע „יעליענע“. ער האָט געשפּרײַזט איבער די גראַמע ליכטיקע גאַלערייענ אזוי געהיט, ווי אינ שטרעק אינ דער אַלטער שאַכטע אינ דער פינצטערניש. ער האָט זיכ גערוקט בא די ווײַטנ פונ די בעטאָנירטע ווענט, געשאַרט איבער די טראָטואַרנ מיט די צע־טאָפּטשעטע לאַפּטיעס... אפ וואָס דאַרפ מענ דאָס אַלעס? ס׳איז שוינ באַלד איבעריק דאָס גאַנצע בעטאָנירנ. אַלעמאָל גרייט מענ צו אַנ אַנדער לאַווע אפ מעכאַניזירנ, אונ מע אַרבעט זי אויס מיט די הענט. נאָכ א לאַווע גרייט מענ צו פאַר דער נײַער שאַכטע, אונ מע צעקאַרדאַשעט זי ווידער. מע האָט שוינ באַלד אויסגעאַרבעט דעם גאַנצנ מײַרעװ־פליגל פונעם „פּאָמינע“ פּלאַסט אונ „ביס“ איז נאָכ אַלצ ניט פאַרטיק...

ווענ ראָמאַנ צאַט איז אזוי פאַמעלעכ דערגאַנגענ ביזנ שטאַמ א קוק צו טאָנ אינ „וומפּ“ ארײַנ צום נײַעם צווייטשטאָקיקנ קאָרב, איז דעמאָלט געשטאַנענ דאָרטנ רובײַלע מיט נאָכ עטלעכע מענטשנ. דער שאַכט־פאַרוואַלטער האָט געזאָגט:

— וועלנ מיר שוינ מוזנ צוגעבנ צו די אזויפיל איבעריקע כאָדאָשים נאָכ וואָכנ אונ וואָכנ...

האָט דעמאָלט צאַט געוואָלט צולויפנ אונ זאָגנ, אז ניט צו די כאָדאָשים, נאָר צו די זעקס יאָר דאַרפ מענ צוגעבנ נאָכ וואָכנ. אָבער ראָמאַנ איז איצט אויכ ניט צוגעלאָפנ אונ ניט געזאָגט... אונ סײַווי איז פונריבנ אָנגעקומענ

[1]) לופטער—באַרג־ארויסאַרבעטונג, דורכ וועלכער עס צירקולירט די לופט.

א צוגעבונדענער קויש, אין וועלכן דער גרויסער רובייליע מיטן דייטש האָבן זיך אריינגעזעצט און פּאַמעלעך—פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן ארויף...

... דער קוילנגרעבער ראָמאַן צאַט האָט נאָכדעם, ווי ער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן און ניט געזאָגט, אומגעהויער געליטן פון דעם. אָבער נאָך מער האָט אים פאַרדראָסן, ווען ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עמעצער איז פון זיין געדאַנק געוואָרע־געוואָרן און אָפּגעטאָן גאָר אַנדערש, ווי בא צאַטן אין קאָפּ איז געווען אויסגעלייגט...

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מע האָט די שאַכטע „ביס" געבויט, האָט ראָמאַן געהאַט אריינצוטראָגן זיינע אייגענע, וואָזשנע פאַרשלאָגן. און יעדער מאָל, ווען ער איז שוין געווען גרייט זיי ארויסזאָגן, האָט ער פּלוצים דערזען, אַז פון אונטער דעם צונג האָט מען זיי בא אים ארויסגענאַרט: מ'האָט א שטיק פון זיין געדאַנק שוין אויסגעפּילט און נאָך מערער פאַרביטן—געטאָן באָר אַנדערש, ווי דער שאַכטיאָר האָט זיך פאָרגעשטעלט. און דאָס האָט אים ביז גאָר געאַרט.

וויפל מאָל האָט ראָמאַנען אין זיין לעבן נאָכדעם גוואַלדיק באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געכאַפּט צו דער צייט מיט ארויסזאָגן. אָפטמאָל האָט זיך עס אויסגעלאָזט מיט גרויסע אומאָנגענעמעגישן, אומגליקן.

ראָמאַן צאַט — דער אַלטער קוילנגרעבער.

סאַמע דעמלט, ווען די דייטשן זיינען געווען אין קוילן־ראַיאָן, האָט מען אַפּ ראָמאַן צאַטן אין שאַכט־קאָלאָניע געזאָגט, אַז ער איז א באָלשעוויק. נאָר ראָמאַן איז מיט קיין באָלשעוויקעס ניט פאַרבונדן. דאָס יאָ: ער איז אַן אַלטער קוילנגרעבער, און ער וויל ניט ארבעטן אין א שאַכטע, וואָס הייסט נאָך אַדיעם „יעליענע" און וויזהיין עס איז אראָפּגעבראַכט געוואָרן גראָד איצטער זיינער א באַקאַנטער ארטעלשטשיק סטאָוובון—מוסי יעפרעמאָוויטש סטאָהבון...

שוין גאַנץ לאַנג צוריק, איינמאָל, אָסיען־צייט, ווען אין דרויסן איז קיין דעכטער רעגן דייקע ניט געגאַנגען,—ס'האָט בלויז גענעצט ביז אין דער לעבער אריין, און קיין איין קינד האָט מען ניט געקענט ארויסלאָזן אינדרויסן,—איז דעמלט אומגעריכט אריין צום קוילנגרעבער אין שטוב א טרוקענע, ריינע פּרוי מיט נאָך צוויי טרוקענע, ריינע מענער, וואָס האָבן אָנגערופן די פּרוי:

— יעליענע וויקטאָראָוונע...

ראָמאַן האָט זיך דעמלט אַזוי געכידעשט אַפּ זייער טרוקנקייט, אַז ער געדענקט ניט, וואָס דאָס דריילינג האָט אים געפרעגט. צאַט געדענקט אויך

גיט, וואָס ער האָט געענטפערט. אים האָט זיכ אײַנגעשניטנ אינ זיקאָרנ בלוי
דאָס, ווי די טרוקענע פרוי האָט פאר איינ ווײַלע ארומגעקוקט די נידעריקע, אָנגעסטאסעוועטע מיט קינדער „קאיוטע", עפּעס שאָפּלדיק אראָפּגעשלונגענ אונ געבעטנ עפּענענ די נידעריקע, נאסע טיר. פונ דרויסנ האָט דעמלט ארײַנגע־ראשקעוועט א כמורנע שײַנ, אונ יעליענע וויקטאָראָוונע האָט אויעקגעשטעלט איינ פוס פאָרויס. אָבער זיכ אינגאנצנ האָט זי ניט נאָכגעבנ, ווײַל אפ א שטריקל איבער דער ברײַט פונ צימער זײַנענ געהאנגענ נאסע אנוטשעס, מיט א נאסער „שאכטיאָרקע". אונ א שפּאנ טאָג אפ צוריק האָט זי שוינ אויכ ניט געקענט, ווײַל זי האָט מוירע געהאט אָנטרעטנ אפ באָרוועסע פּיסלעכ פונ די אָנ שיר קינדער, וואָס האָבנ די שיינע פרוי ארומגערינגלט. האָט יעליענע וויקטאָראָוונע דעמלט אופגעהויבנ צווײ אויגנ, א פאָרזיכטיקנ קערעווע געטאָנ מיט זיי, גלײַכ זי זאָל ניט מוירע האָבנ מיט די אויגנ אינ עפּעס ניט ארײַנטרעטנ. דעם מאָמענט האָט זי שוינ געדרייט איר אייבערשטנ האלבנ קערפּער אפ די ברייט צעשטעלטע פיס. אונ געפּאקט א פּיצעלע ערטעלע, האָט זי אראָפּגעלאָזט איינ גאלאָש; דעם צווייטנ געשטעלט אפ דעם גליטשיקנ, הויכנ שוועל. אונ שוינ דאָרטנ, אינדרויסנ, האָט זי געזאָגט צו די 2 ריינע מענער:

— זיי פּרוכפּערנ זיכ, קענטיק, ווי די קראָליקלעכ. צו עטלעכע מיטאמאָל...
וויל צאט ניט לײַדנ, וואָס איצטער, נאָכדעם ווי מע האָט די פריִערדיקע באלע־באטים שוינ איינמאָל געהאט פארטריבנ אונ פונעם יִשעוו האָט מענ דעמ פּאָליצײ־אופזעער ארויסגעשלײַדערט, זאָל די שאכטע זיכ אלצ גרייסנ מיטנ נאָמענ „יעליענע"... אינ אזא שאכטע ארבעטנ גיט ראָמאנ ניט. ווער שמועסט, אז גראָד איצטער האָט מענ געבראכט צו שלעפּנ אפ דער שאכטע זײַנ באַ־קאנטנ ארטעלשטשיק מוסי יעפּרעמאָוויטש סטאָוובונ, אונ מיט אים האָט ראָמאנ נאָכ אלטע כעזשבוינעס פונ גאנצ לאנג...

... צאט איז שוינ ד ע מ ל ט געווענ באקאנט מיט פיל טועכצנ אינ שאכטע אונ ער איז ארײַנגעפאלנ ארבעטנ מיט א גרופּע קוילנהעקער אינ שלאָגראויוונ פונ א שאכטע מיט א ניטמעכטיקנ פּלאסט. ראָמאנ איז געווענ דער־ייִנגסטער אינ דער גרופּע אונ דערפאר האָבנ אים די קוילנהעקער מעכאבעד געווענ מיט שליטלערײַ[1]) זיי האָבנ געוויזנ, ווי מע דארפ זיכ באגיינ מיטנ שליטנ אונ דערבײַ געלאכט. דער יונגער ראָמאנ האָט זיי פארנ לאכנ ניט גוט אָנגעקוקט אונ זיי האָבנ דערקלערט, אז זיי לאכנ, וואָס ער שאָקלט מיט קאָפּ

1) שליטלערײַ—שלעפּנ מיט א „שליטנ" די קוילנ ארויס אינ שטרעק.

אָפּ „יאָ“. אין אַ שאַכטע נאָר אין אַ שלאָג־אַרױט, און נאָך בײַ אַזאַ ניט־גראָבן פּלאַסט — טאָר מען ניט שאָקלען מיטן קאָפּ, מע דאַרף זאָגן מיטן מױל.

— יאָ. איך װיל הײַנט זײַן דער שליסלער.

אײנער האָט זיך אַפּילע אײַנגעשפּאַנט, אָנגעטאָן אָפּ זיך די ליאַמקע און געװיזן, װי גרינג ס'איז צו אַרבעטן בײַ שליסלערײַ, — טאַקע גרינג. ראָמאַן צאַט האָט פֿונדעסטװעגן מיט שרעק זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער אײַנגיכן איז ער צו דער אַרבעט צוגעװױנט געװאָרן. ראָמאַן צאַט איז אַ לאַנגער און אַ שמאָלער; אַקסלען זײַנען בײַ אים גלײַכע, ניט געקײַלעכיקטע, און די ליאַמקע האַלט זיך אָפּ זײ פֿעסט, זי גליטשט זיך ניט. ראָמאַן טוט אַזױ: ער שטעלט אַרײַן דעם קאָפּ אין ליאַמקע, טילעט זי דורך צװישן די פֿיס, קריכט, און דער שליטן שלעפּט זיך שױן אַלײן. אָרב די קני׳עס הײבן אים אָן ברענען — דעמלט ציט ראָמאַן אײַנגאַנצן אױס די פֿיס, ראַטשקעט אױפֿן בױך, און דער אָנגעלאָדענער שליטן שלעפּט זיך שױן אַלײן נאָך אים.

אָבער נאָכדעם, װי ס'איז אַװעקגעגאַנגען אָן שיר שאָען און ראָמאַן האָט שױן געמאַכט פּאַסיקלעך אױפֿן זעקסטן צענדליק שליטנס, האָט ער דערפֿילט, אַז די קני׳עס װילן זיך ניט בײגן. ער סטאַרעט זיך דאַפֿקע זײ אױסצוציִען. אױסבײגן זײ, זיך אָפּ זײ אָנשפּאַרן און ראַטשקעװען װײַטער. אָבער די קני׳עס זײַנען אַזױנע האַרטע און אַזעלכע שװערע — אַזאַ שװערער, װי אַלע שליטנס, װאָס ער האָט ביז איצט איבערגעפֿירט, מיט אַמאָל.

ס'איז דעם יונגן שאַכטיאָר מיטאַמאָל געװאָרן ניט גוט אױפֿן האַרצן, און ער האָט געװאָלט אױסשפּײַען. אָבער אױסשפּײַען האָט ער ניט געקענט, װײַל דאָס העלנטל פֿונעם לעמפּל האָט ער ניט געקענט פֿון צװישן די צײן אַרױסלאָזן. האָט ער אַהין און אַהער גרינג אַ קערעװע געטאָן מיטן קאָפּ, און דאָס לעמפּל האָט באַלױכטן צװײ שװאַרץ שפּאַרקלעצלעך, צװישן װעלכע ער איז געקראָכן. שױן האָט ער צעשטרעקט בײדע הענט, אָנגעטאַפּט מיט זײ די קײַלעכדיקע האָלצן, זײ אַרומגעכאַפּט און זיך אַ ציִ געטאָן. נאָר אָנשטאָט אַ רוק דעם שליטן, װאָס ראָמאַן האָט באַדאַרפֿט דערפֿילן, זײַנען די קלעצלעך זיך גאָר אין די הענט צעגאַנגען, װי זײ װאָלטן זײַן װײכע, נאָכגעביקע, און די אַבאַפּאָלע[1]) האָט געטאָן אַ טשמעליע אין קאָפּ און נאָך פֿאַרלאָשן דאָס ניט־טיקסטע אין אַ גרובן, דאָס שאַכטיאָרישע לעמפּעלע...

ראָמאַנען האָט מען אין עטלעכע טעג אַרום אױסגעשריבן פֿונעם שפּיטאָל, אָבער אָפּ דער אַרבעט גײן האָט ער נאָך ניט געקענט. דער קאָפּ איז אים

1) אַבאַפּאָלע — ברעטלעך אַז שטיצן אונטערבױליײגן.

געוועג ארום און ארום פארבינטעוועט, און ער האָט אים שטארק געסטריגעט. צאט איז געגאנגענ איצטער צום ארטעלשטשיק בעטנ עפּעס געלט. דער אר־טעלשטשיק סטאָחבונ איז פונ קעסיידער געווענ א בייזער, נאָכ פונ דער צײַט, זינט ער האָט זיכ אויסגעווייכנעט די רעכטע האנט אינ שאכטע, די לעצטע צײַט איז ער נאָכ געוואָרנ כמורנער, שווארצער, ווי ער זאָל האָבנ די גע־שווינדע עקטיקע. ער האָט געפרעגט:

— ווי רופט מענ דיכ?

— צאט.

— ראָמאנ צאט? וואָס־זשע ווילסטו?

— עפּעס געלט.

— קענסטו זיכ אינגאנצנ צערעכענענ.

— צערעכענענ, מוסי אוכרימאָוויטש, וויל איכ זיכ נאָכ ניט.

— וויל איכ, — האָט דער הויכער קאָפּ געזאָגט — שוינ דאָס דריטע מאָל, אז דו צעקלאפּסט זיכ. און ווער סע שעדיקט זיכ דרײַ מאָל, קענ בא מיר ניט ארבעטנ.

צי דערפאר, וואָס די אויערנ זײַנענ בא אים פארלייגט מיט דער מארליע, צי מענ האָט אים געזאָגט אזעלכע שווערע ווערטער, נאָר ראָמאנ צאט פאר־שטייט ניט, וואָס מע רעדט צו אים. ער געדענקט ניט, אז ער זאָל זיכ דרײַ מאָל צעשעדיקנ, און באנעמט ניט, פארוואָס דארפ ער זיכ צערעכענענ. ער האָט דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל ארײַנגעצויגנ דעם קאָפּ אינ די אקסלענ, ווי מיט אָט דער אוודע זאָל אים זײַנ גרינגער פארשטײַנ, און האָט געשוויגנ.

— קום, — האָט ער דערהערט, — וועסט מאָרגנ קומענ זיכ צערעכענענ.

דער יונגער שאכטיאָר האָט מיט די פיס זיכ ניט גערירט. בלויז דעם קאָפּ האָט ער בעסער ארײַנגעצויגנ און א קערעווע געטאָנ צו דער טיר. דער שטײַפער בינט האָט אים א ריס געטאָנ, און פונעם מויל איז ארויס:

— ווענ דרײַ מאָל?

— איכ דארפ פאר דיר געדענקענ? — האָט דער ארטעלשטשיק סטאָחבונ געענטפערט שוינ מיט א העכערנ קאָל. — ערשט צוריק מיט עטלעכע וואָכנ, ווענ עס האָט זיכ דיר געגלוסט שפארקלעצלעכ ארויסקלאפּנ אינ דער פערטער לאווע. האָסט זיכ דעמאָלט אויכ ניט געקענט פארהיטנ און זיכ צענעריקט דעם רוקנביינ.

ערשט איצטער האָבנ זיכ ראָמאנס פיס גערירט, און ער איז צוגעגאנגענ צו דער טיר, הארט צום ארטעלשטשיק. ער האָט געפרווט אים ארײַנקוקנ אינ פּאָנעם, נאָר די מארליע, וואָס איז געהאנגענ איבער די אויגנ, האָט ניט גע־

לאָזט. און ס'האָט זיך באַטן אויסגעוויזן, אַז מיסי סטאָוובונג רעדט נאָך עפּעס, אָט אויך איבער דער מאָרליע הערט ער נים גוט אויס. האָט ער פּלוצים מיט ווילדער רעציכע גענומען רײַסן דעם בינט, אים אָפּוויקלען, ווײַטער רײַסן און מיט הוילן, צעשונדענעם קאָפּ האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט:

— ווען דרײַ מאָל? ווען האָט זיך מיר קלעצלעך געגלוסט?

— דו, הונט, היץ זיך נים. אָט מאַך איך פון דיר אַ טעל.

דער יונגער קוילנגרעבער האָט נאָך האַרטער זיך דערנענטערט צו סטאָוובונען, און איצט איז דעם שאַכטיאָרס קאָפּ אויסגעקומען העכער פונעם אַרטעלשטשיקס. ראָמאַן האָט ניטגעטראַכטערהייט מיטן קין אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. וואָס איז אויסגעקומען אונטער אים. און ער האָט אומגעריכט דערפילט אַ ניטגעוויינלעכן ריזיקן נעם פון אַ לינקער האַנט פאַר דער רעכטער זײַט קאַרק. דער ריזיקער נעם האָט אים געטאָן אַ ציי די גאַנצע הויט פונעם צעשונדענעם קאָפּ, און ער האָט בלויז באַוויזן אַרויסלאָזן אַ ניטמענטשלעכן געשריי.

— לאָז אָפּ!...

אָבער יענער האָט נים אָפּגעלאָזט. ער האָט דעם קוילנגרעבער מיט דער איינער האַנט געצויגן אַראָפּ, אַראָפּ. און שוין גאָר נידעריק צו דער ערד האָט ראָמאַן דערפילט אַ לינדערקײַט אין קאַרק און אין דער הויט. האָט ער עטוואָס אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ אין אַ זײַט און זיך שוין אויסגעגלײַכט. פאַרבלוטיקט, אויסגעמאַטערט, האָט ער אַלע קויכעס אָנגעזאַמלט און ביידע הענט צוגעקלעמט אַרום סטאָוובונס האַלדז...

פון דער העלער הויט האָט זיך אופגעעפנט די טיר. ביידע אײַנגעקלעמטע האָבן זיך אָפּגעלאָזט און אומגעקוקט זיך. עס איז אַרײַן דער פּאָדראַדטשיק, ווי שטענדיק, איז ער געווען רויט, צופרידן. ווי טאָמיד איז זײַן שוואַרצער זשילעט, וואָס ער טראָגט אים זומער און ווינטער, געווען צעשפּיליעט. ער האָט שנעל אַ פאָר הינק געטאָן אין דער טיף קליינעם צימער און נים אָן שרעק אויסגעשריען:

— וואָס איז דאָס?... ווער האָט דיך אַזוי צעבלוטיקט? — האָט ער זיך געווענדעט צו ראָמאַנען. און גלײַך אַריבערגעפירט דאָס ריידן צום אַרטעלשטשיק: — אײַ — אײַ — אײַ, מוסי יעפרעמאָוויטש, שעמט זיך.

— פאַרהאַלט אים דאָ דעם היציקן ווערגעלעץ, מאָיסיי מאָיסייעוויטש. איך וועל באַלד צוברענגען אַ פּאָליציאַנט.

און ביים סטאָוובונס האָט זיך געווישט מיטן לינקן אַרבל דאָס פּאָנעם, האָט ער דערווײַל גיפטיק געוואָרטשעט:

— א פוילער הונט. שוין דאָס דריטע מאָל נערעגט זיך און איז גערעכט.

— הייסט עס, ניט איר, מוסי יעפרעמאָוויטש, האָט אים דאָ צעקלאפּט?

— כאָלילע. אליין. שוין דריי מאָל. ערשט ניט לאנג שפּארקלעצלעך ארויסגעקלאפּט פון אן אויסגעארבעטער לאווע און זיך צעקאליעטשעט דעם רוקנביין. איצט — אין לופטער. און נאָכ־עט פריער אויך זיך צעשעדיקט בא דער ארבעט...

דער יונגער קוילנגרעבער האָט געוווסט, אז סטאָוובונ האקט ליגנס. טאקע גאָלע ליגנס. אָבער קיין ווערטער זיינען בא ראָמאנען איצט אין מויל ניטאָ אפ פארענטפערן זיך. און כוץ דעם וויל ער זיך ניט פארענטפערן. ער וויל גאָר מיט אָט דעם... מיט אָט דעם ארטעלשטשיק, וואָס קען אָנכאפּן מיט א גענוטער לינקער האנט · א געשוונדענע קאָפּ, וויל ער גאָר מיט אים ניט טייַנען. ער וויל נאָר, צאט, אראָפּפאלן אפ אים און אים בייַסן. ער וויל אים הריזען דעם האלדז. ער וויל אים אזוי צעטיימעסן, אז ער זאָל קיין דייע ניט האָבן אפ דער שאכטע, און ס'זאָל אהערצו מוירע האָבן קריכן אן אנ־דער ארטעלשטשיק אויך. אָבער דער קוילנגרעבער האָט זיך פונעם אָרט ניט גערירט. ער האָט שווער געאָטעמט, געשטאנען און געשוויגן.

און דאָ האָט דער נידעריטשקער, גראָבער פּאָדראדטשיק צעפלאָסן אפ זייַן פארשוויצט פּאָנעם א שמייכעלע און געפרעגט ראָמאנען:

— ווי רופט מען דיך?

ראָמאן האָט שווער געאָטעמט און געשוויגן. פאר אים האָט געענטפערט סטאָחבון:

— צאט. ראָמאן צאט!

— אהא! — איז דער פּאָדראטשיק געוואָרן נאָך צופרידענער — לעון צאטס באָכערל? קומט אים גאָר פון מיר א טרונק בראנפן.

ראָמאן האָט מיטאמאָל דערפילט, אז פון אונטער הארצן הייבט זיך בא אים עפּעס אוף א שווערס און ס'רוקט זיך פארן מויל, צו דער נאָז, אין די אויגן אריין. און די אויגן פילט צאט, גיסן זיך אָן, ברענען. און ווען פון די אויגן, דוכט זיך אים, טריפן אָפּ עטלעכע טראָפּן, וואָלט זיי געוואָרן גרינגער. נאָר דאָ זאָגט נאָך עפּעס דער פּאָדראטשיק. ער טוט עטלעכע זשוואווע, הינקענדיקע שפּאן און זאָגט:

— אָדאָ ניט לאנג האָב איך זיך באדונגען מיט עטלעכע ארבעטער פאר ארויסכאפּן אביסל שפּארקלעצלעך פון דער פערטער אויסגעארבעטער לאווע. האָב איך אָט דעם באָכערל, דוכט זיך, נאָך ניט איינגענצן באצאָלט. אים קומט גאָר פון מיר א טרונק בראנפן.

נאָכ די ווערטער האָט שוינ ראָמאַנ געוואָלט דעמ צרדער גאַל שלאָגנדיקנ פאָדראַטשיק אויכ אָפכראַקענ פונ קאָפ ביז די פיס, אָדער זיכ אַליינ גאָר קלאַפנ מיטנ קאָפ אָנ אַ וואַנט. נאָר, ס'איז אַהערצו געבראַכט געוואָרנ בראָנפנ. אימ האָט געברענט אונטערנ האַרצנ, אונ דאָס ברענעניש האָט ווי אַ שווערע מאַסע זיכ געהויבנ אַרופ אונ געשפּאַרט צומ כויל, אינ די אויגנ אַרײַנ. מיטנ מויל האָט ער גאָרניט געזאָגט, נאָר פונ די אויגנ האָבנ זיכ טרערנ געגאָסנ, געגאָסנ. אונ נאָכדעמ האָט דער יונגער שאַכטיאָר שוינ קיינעמ ניט געטשעפעט, אונ מע האָט אימ דייקע לאַנג פונ דער שאַכטע ניט אַרויסגעוואָרפנ...

איז פונקט צו אָט דער צײַט, ווענ פונעמ ייִשעוו האָט מענ דעמ פאָליציי־אופזעער פאַרטריבנ, נאָכ אַמאָל געבראַכט געוואָרנ אַפ דער שאַכטע „יעליענע“ סטאָחבונ דער אַרטעלשטשיק. נו, פאַרשטייט זיכ, אַז אינ אַזאַ קוילנגרוב וועט ראָמאַנ ניט גיינ אַרבעטנ.

צאַט האָט בעפירעש געוווּסט פונעמ דײַטשישנ מאַיאָרס באַפעל, אַז אַלע קוילנגרעבער מוזנ אַרויסגיינ צו דער אַרבעט, אַניט וועט מענ שנײַדנ מיט שאַמפעלעס, אונ פאַר אַגיטירנ אונ זײַנ אַ באָלשעוויק — קאַפוט! אָבער ראָמאַנ אַגיטירט ניט, אונ איז בײַ די באָלשעוויקעס אינ דער פאַרטיי ניט פאַרשריבנ. אָבער ער האָט זיכ דערמיט פאַרנ דײַטשישנ מאַיאָר ניט געוואָלט גרייכנ אונ, ס'איז אַ גרויסער אומגליק געשענ.

ווענ די דײַטשנ זײַנענ געקומענ זוכנ ראָמאַנענ, איז ער גראַדע אינדערהיימ דעמאָלט ניט געווענ.

ס'איז אינ „קאַיוטע“ פונ ווײַב אונ קינדער אויכ קיינער ניט געווענ. וואָרומ פונ נעכטנ אָנ, זינט מענ האָט אופגעהאַנגענ זאַביוואַקעס באָכער, זייער שאָכנ, פאַר זײַנ אַ באָלשעוויק, האַלט זיכ קיינער ניט אײַנ אינ די באַלאַגאַנעס.

אינ שטוב איז בלויז געבליבנ זיצנ דער אַלטער צאַט, ראָמאַנס טאַטע־לעוו. ער איינער אַליינ איז געבליבנ אינדערהיימ זיצנ אַפ דעמ ספעציעל פאַר אימ געמאַכטנ שטול, אַפ וועלכנ ער זיצט אונ רירט זיכ ניט פונ אָרט שוינ העכער צענ יאָר... אונ ווענ די דײַטשנ מיט טימאָכע זאַביוואַקע, דעמ אופגעהאַנגענעמס פאָטער, זײַנענ אַרײַנ אינ קאַזאַרמע, איז דער אַלטער געוועזענער קוילנגרעבער איינער אַליינ געזעסנ מיט די צוויי צונויפגעטוליעטע פיס, אַרומגעוויקלט מיט דער אַלטער, קאָלטענעוואַטער קאָלדרע. איינער אַליינ געקוקט דורכנ נידעריקנ פענצטער אַפנ סלופ, וועלכער האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, שאָקלט זיכ אינ די זײַטנ, וווהינ ס'שאָקלט זיכ דער אופגעהאַנגענער שאָכנ, זאַביוואַקע, באָכער, דער דעקפעסטער.

דער געליימטער לעוו האָט מיטן ווײַסן, באַוואַקסענעם קאָפּ אָפּ אַלע פֿראַגן, וואָס זאַביוואַקע, דעם אויסגעהאַנגענעמס פּאָטער האָט פֿאַרגעבן, געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך ווייס ניט.

— איך ווייס ניט.

די „קאַיוטע" איז אַ קליינע, לאַנג וואָכן איז אין איר ניטאָ ווו אונ די דײַטשן מיט טימאָכען זײַנען באַלד אַרויס אונ צוגעזאָגט ,ווידער קומען, סײַווי וועלן זיי אים פּאַקן. אונ דעמאָלט,— האָבן זיי צוגעזאָגט,— וועט זײַן קאַפּוט.

ווען די דײַטשן זײַנען אַרויס, איז אין שטוב געווען טונקל אונ שטאַרק שטיל. דעם אַלטן צאַטן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער סלופּ, אָפּ וועלכן עס העַנגט זאַביוואַקעס באָכער, שאָקלט זיך האַסטיקער אונ רוקט זיך אַהערצו, צום נידעריקערן פֿענצטער נעענטער, נאָך נעענטער. האָט ער מיט אַלע קויכעס גענומען שרײַען צו די שטוב-מענטשן:

— אוליאַנקע! אַנטאָנינקע! לאַדימירו!— האָט ער געשריִען.— גנאַדקע! נינקע!— אונ נאָך אַמאָל:— טאָניע!— אָבער קיינער האָט זיך ניט אָנגערופֿן.

זע נאָר אַ מין זאַך: ס'איז גאָר קיינער ניטאָ, וואָס עס זאָל גיין זאָגן דעם זון, אַז ער זאָל אַהיים ניט קומען. דער אַלטער ווייסט דאָך גוט דאָס אָרט, וווּ דער זון איז. דאָס אָרט ראַטעוועט יעדערן שאַכטיאָר אָפּ. מ'מוז אים נאָר וואָרענען. ווײַל טאָמער קומט ער! טאָמער קומען זיי!! טאָמער טרעפֿט מען אים!!!

אונ לעוו צאַט האָט פּלוצים גענומען מיט פֿאַרליגערטע הענט צעוויקלען די קאָלדרע. אונ ניט געפּרוּווט זיך, צי ער קאָן זיך שטעלן אָפּ די פֿיס, נאָר גלײַך ס'איז מיט אים קיינמאָל גאָרניט ניט געשען. ווי צוריק מיט העכער צען יאָר האָט ער זיך געשטעלט אָפּ די געליימטע פֿיס, אָנגעטאָן די קאָלדרע אָפּ די פּלייצעס אונ גענומען שפּאַנען, גלײַך שפּאַנען.

אינדרויסן,— האָט זיך דעם אַלטן לעווין אויסגעוויזן,— איז געווען אַ שרעקלעכער ווינט. דער ווינט האָט געשאָקלט די גאַנצע ערד, דעם הימל, די באַלאַגאַנעס אונ אים, דעם געוועזענעם שאַכטיאָר, אָפּ אַלע זײַטן. פֿאַר אַזוי פֿיל יאָרן זעט דער אַלטער צאַט ווידער דעם דרויסן. אונ ער קען שווערן, אַז ער איז דערזעלבער: די אייגענע גענצטע קאַזאַרמעס, דיזעלבע שווערע טאַר-טירן, אַזעלכע צעפּליקטע מיסטקאַסטנס, ווי פֿריִער. נאָר מענטשן זעט מען ניט, אונ דער ווינט איז שרעקלעך שטאַרק. אונ ס'שווינדלט זייער שטאַרק אין די אויגן. אַזוי שטאַרק, ווי פֿריִער קיינמאָל ניט...

אונ אָט האָט דער אלטער בארגארבעטער דערזענ דעם קאָפּיאָר, זײַנ גוט באקאנטנ קאָפּיאָר. נאָר ער שאָקלט זיכ אויכ אונ רופט דעם שאכטיאָר צו זיכ. צו זײַנ הייכ האָט טאקע דער אלטער לעוו אופגעהויבנ די הענט אונ געשפּאנט אים אנטקעגנ. מיט אופגעהויבענע הענט איז טאקע געווענ פיל גרינגער צו שפּאנענ, אײַנעמענ דעם ווינט. אונ צאט איז מיט די אופגעלעבטע פיס דערגאנגענ ביז דער עקסטאקאדע. אָנ מי האָט ער זיכ געהויבנ אפּ אירע טרעפּ. אלעס איז דאָכ דאָ דעם געוועזענעם קוילנגרעבער אזוי באקאנט. ער גייט זיכ גלײַכ אינ אויבער־געבײַדע [1]). פארקערעוועט זיכער, ווי אמאָל־אמאָל צום שטאם...

לעוו צאט ווייסט דאָ זייער גוט יעדער קלייניקײַט, אונ איצט גייט ער זיכ אראָפּלאָזנ אינ שאכטע. דאָרטנ באהאלטנ זיכ איצט אויס אָנ א שיר שאכטיאָרנ. אונ וואָרענענ דארפ מענ זיי, אז קיינער זאָל זיכ ניט דערוועגנ קומענ אהיים. וואָרעם אנטקעגנ זייער קאָזארמע שטייט א סלופּ, אפנ סלופּ הענגט דער שאָכנ, דער דעקפּעסטער, אונ די דײַטשנ זײַנענ הײַנט אים, ראָמאנענ, אויכ געקומענ זוכנ...

פלוצים, שוינ נאָענט לעבנ שטאם, האָט דער אלטער לעוו מיטאמאָל זיכ געטאָל א שטעל אָפּ אונ אזוי זיכ דערשראָקנ, גלײַכ ער האָט דעם געהאנ־גענעם, אָדער דעם טאליענ אליינ, דערזענ פאר זיכ: ביידע טירלעכ פונ דער פארצוימונג זײַנענ געווענ אָפנ — אָבער קיינ קאָרב האָט מענ דאָ, פונויבנ לעבנ די טירלעכ ניט געזענ. בלויז א ברונעם אונ א קאנאט — אינמיטנ. דער אלטער צאט האָט גאָר פארגעסנ, אז דער גרובנ ארבעט ניט אונ די הייב־קאָרבנ שטייענ איצטער אויכ.

— אונ אינ אָט דעם מאָמענט האָט לעוו צאט דערפילט, אז די פיס זײַנענ אים ווידער אָפּגענומענ אונ ער קאָנ שוינ אפילע ניט צוגיינ הארט צום ברונעם ארײַנשרײַענ אינ אים דאָס, וואָס ער מוז ארײַנשרײַענ... האָט דער אייבערשטער האלבער קערפּער פונ זיכ, ניט אומיסטנ א הוידע געטאָנ זיכ פאָרויס אונ זיכ אָנגעשפּארט אָנ דער פארצוימונג פונ דער שאכטע. די קאָלדרע האָט זיכ אראָפּ־געגליטשט. לעוו האָט מיטאמאָל דערפילט א פראָסט אונ א בראָכ אינ די קרי־זשעס. האָט ער מיט די לעצטע קויכעס אונטערגעצויגנ דעם אונטערשטנ האלבנ קערפּער מיט די געליימטע פיס. אונ מיט ביידע הענט — זיכ אָנגעכאפּט פארנ בראָבנ, שטאָלענעם אופציקאנאט.

1) אויבער־געבײַדע — געבײַדע, פונוואנענ מע לאָזט זיכ אראָפּ אינ שאכטע.

דער אלטער האָט א קוק געטאָנ אראָפּ, פונ דער טיפקײַט האָט א טשמיעלע געטאָנ א שטורעמ־ווינט אונ שיר ניט אָפּגעריסנ די הענט. צוגעקלעפּטע צומ קאנאט. לעוו האָט אופגעעפנט ס'מויל, געפּרוווט עפּעס א געשריי טאָנ, אָבער ער האָט קײנ קויכעס דערופ אינ זיכ ניט געפונענ. האָט ער בלויז א טיפנ אָטעמ געטאָנ. פאמעלעכ אונטערגעצויגנ די פיס צו דער פארצוימונג; נאָכ א שלעפּ; א הוידע צומ קאנאט — זײ הענגענ שוינ די פיס אונ שאָקלענ זיכ איבערנ אָפּגרונט...

מער קײנ קויכעס זײַנענ באַמ אלטנ צאט ניט געווענ, אונ ער האָט זיכ אָנגעהויבנ גליטשנ אראָפּ. אָנגעהאלטנ זיכ מיט די פארליגערטע הענט באַמ געדרײטנ, שטאָלענעמ קאנאט, איז ער וואָס ווײַטער געפאלנ שנעלער, געשווינדער. אונ פונ אינמיטנ קאנאט, ווענ די צעהאקטע שטעכיקע דראָטעלעכ האָבנ אימ איבערגעזעגט די פינגער, האָט ער מיטאמאָל געטאָנ א פאל טיפ־טיפ אינ אָפּגרונט ארײַנ...

ראָמאנ האָט נאָכדעמ זיכ אופגעגעסנ, וואָס ער האָט ניט אָנגעזאָגט אינדערהײמ, אז ער גײט זיכ אינערגעצ ניט באהאלטנ. ער וועט אינ שאכטע ניט קריכנ, ווײַל ער האָט פאר קײנעמ קײנ מורע. ער אגיטירט קײנעמ ניט אונ בא די באָלשעוויקעס איז ער ניט פארשריבנ. אָבער אינ א שאכטע, וואָס הײסט נאָכ איצט אויכ „יעליענע", וועט ער ארבעטנ ניט גײנ, ביפראט נאָכ. אז מענ האָט אהינ אראָפּגעבראכט זײַנ אלטנ באקאָנטנ ארטעלשטיק מוסי אוכרימאָוויטש סטאָוובונ...

אונ גראָד אָט די צוויי טיפ־פארבאהאלטענע מײַנעס האָט מענ בא צאטנ ארויסגעכאפּט, בעפּירעש ארויסגעכאפּט, — אונ זײ פאר אסאכ מענטשנ איבערגעכאזערט.

אונ דער, וואָס האָט עס באַמ אלטנ שאכטיאָר פונ אזוי טיפ ארויסגעכאפּט, איז געווענ א באָלשעוויק. אונ צווישנ יענע, פאר וועלכע דער באָלשעוויק האָט עס איבערגעכאזערט, איז געווענ אָנ א שיר באָלשעוויקעס...

נײַע דירעס פאר די שאכטיאָרנ.

סאָפּקאָלסאָפּ האָט מענ אינ דער נײַער קאָלאָניע א קוואַרטיר צאטנ געגעבנ. אויסגעסטאַרעט זיכ די נײַע קוואַרטיר האָט טאָניע. עטלעכע כאדאָשימ נאָכאנאנד איז זי אומגעלאָפנ איבער אלע פארוואלטונגענ, זיכ אויסגעקריגט אינ קאָלערליי קאָמיסיעס אונ אומעטומ האָט מענ איר געענטפערט, אז ס'איז דאָ

בילכערע, זי האָט געוווּסט, אַז דער אָפּזאָג שטאַמט פונעם שאַכט־פאַרוואַלטער פונ רובינלען, שוינ וויפל מאָל האָט פּיאָטער אַפאַנאַסעוויטש אַפּ פאַרזאַמלונ־גענ דערקלערט, אַז די ערשטע נײַע דירעס מוז מענ אָפּגעבנ אָט אָ די אַר־בעטער, וואָס מענ לאָזט אָקאָרשט אײַנ אַפּ אַרבעט אינ שאַכטע „ביס"; אונ יענע קוילנגרעבער, וואָס גייענ אַריבער אַהערצו פונ דער אַלטער שאַכטע „יעליענע", וועט מענ געבנ דירעס אינ דער צווייטער ריי. דער פאַרוואַלטער האָט, ווי אַלעמאָל, כיטרע געשמייכלט מיט זײַנע פּיצינקע אייגעלעכ, אונ גע־זאָגט, אַז דער אַלטער קאַדרעווע אַרבעטער איז געוווּנ באַוווּסטזיניק אונ פאַר־שטייט, אַז אָנ קוואַליפיצירטע קויכעס קאָנ מענ די אינגאַנצנ מעכאַניזירטע שאַכטע ניט דורכלאָזנ. אונ ווי אומיסטנ האָט ער יעדער מאָל געבראַכט אַ בײַשפּיל פונעם באַוווּסטזיניקנ קאַדרעווע־אַרבעטער—פונ ראָמאַנ צאַטנ.

— נעמט, כאַווײרים, אַפילע אַזעלכנ... נו, ווי דעם כאַווער צאַטנ. עטלעכע צענדליק יאָר אַ קוילנגרעבער. היפּשע עטלעכע צענדליק יאָר וווינט ער מיט אַ גרויסער פאַמיליע אינ די אומגליקלעכע קאַזאַרמעס אונ האָט אַפילע קיינ מעלדונג ניט אָנגעגעבנ אַפּ אויסשטעלנ אים אַ נײַע קוואַרטיר.

פּיאָטער אַפאַנאַסעוויטש האָט אַזוי אָפנהערציק גערעדט אונ אַזוי גוט גע־שמייכלט, אַז אַלע האָבנ אים בעשאַסנ רײדנ געגלויבט: ווער ס'איז אַנ עמע־סער קאַדראָווער, באַוווּסטזיניקער אַרבעטער, דער טאָר ניט בעטנ קיינ נײַע קוואַרטיר; דער דאַרפ אָפּטרעטנ די קוואַרטיר די פרישאָנגעקומענע אַרבעטער.

אָבער טאָניע האָט געוווּסט, אַז ס'איז אַ ליגנ. איר טאַטע איז ניט קיינ באַוווּסטזיניקער. זי ווייס גוט, אַז איר טאַטע איז בעפּײַרעש אַנ אומבאַוווּסט־זיניקער. וויפל מאָל טאָניעס מוטער, אוליאַנע, האָט גענומענ ריזנ דעם מאַנ, ער זאָל גיינ פאָדערנ אַ קוואַרטיר, האָט ער אײַנגעצויגנ דעם קאָפּ אינ די אופגעהויבענע אַקסל אונ שטיל, נאָר פול מיט צאָרנ געכריפּעט.

— אוועק, דו צאָראַאַס איינע, דיר איז אויכ שלעכט דאָ וווינענ? איכ געקומענ...

אוליאַנע האָט בעפּײַרעש ניט פאַרשטאַנענ, פאַרוואָס מוז זי גראָד שווײַגנ, מיט וואָס איז איר גוט דאָ צו וווינענ, נאָר ראָמאַנ האָט עס אַזוי געזאָגט, אַז זי האָט אופגעהערט צו האָבנ טײַנעס אונ זיכ אָפּגעקערעוועט. ווענ אַנטאָנינע האָט דעם פּאָטער גענומענ בעטנ אַלײנ גיינ אָנגעבנ אַ מעלדונג אַפּ אַ נײַער קוואַרטיר, האָט ער אויכ שטיל, נאָר מיט ווייטיק דערקלערט:

— מיר קאָנענ ניט בעטנ קיינ נײַע קוואַרטיר. איכ, אַנטאָנינע, טאָר קיינ נײַע קוואַרטיר ניט בעטנ. ביז איכ וועל ניט אָנהייבנ אַרבעטנ אַפּ דער נײַער שאַכטע, דאַרפ איכ ניט בעטנ קיינ נײַע קוואַרטיר.

— פארוואָס זשע פאָדערנ אנדערע בארגארבעטער פונ „יעליענע“ נײַע קוואַרטירעס אונ מענ גיט זיי?

— מע טאָר ניט, — האָט צאט ביז ווייטיק געכריפעט.

— מע טאָר זיי קיינ נײַע קווארטירעס ניט געבנ. דאָ ליגט א סאָד: ארבעטער פונ אלטע שאכטעס טאָרנ אינ גרויסע קווארטירעס ניט וווינענ. ווינט ער אָפ א שטיקל צײַט אינ א ליכטיקער קווארטיר, וועט ער אינ שאכטע ניט וועלנ גיינ. די אלטע באלעבאטים האָבנ דערפונ געוווּסט. זיי האָבנ געבויט נידעריקע געזעצטע קאזארמעס, ארײַנגעשפארט אינ זיי צענדליקער מענטשנ, זיי זאָלנ ניט וויסנ קיינ אונטערשייד פונ שאכטע ביז היים. אונדזער באלעבאָסטע יעליענע האָט געהייסנ די קאזארמעס אינגאנצנ בויענ אָנ פענצטער. טאָמער מאכט מענ ליכטיקע קאזארמעס, וועט אפ מאָרגנ קיינ איינ בארגארבעטער אינ שאכטע ניט וועלנ קריכנ. כאווער ניט איבער דײַנ מאמעס טײַנעס, — האָט צאט מיט גיפט אויסגעלאָזט. — ביז ס'וועלנ ניט זײַנ דורכויס נײַע שאכטעס, טאָר מענ דעמ אלטנ קוילנגרעבער קיינ ליכטיקע קווארטיר ניט געבנ.

אנטאָנינע האָט אפ איר טאטנס ווײַטערדיקע טײַנעס אפנ אָרט ניט געהאט וואָס צו ענטפערנ. נאָר זי האָט געוווּסט, אז דער טאטע איז ניט גערעכט, ער רעדט אזוי, ווײַל ער איז אומבאוווּסטזיניק.

אונ ווענ זי איז איינמאָל, א פולע מיט אינערלעכנ קאעס, דורכגעגאנגענ פארבײַ דער נײַער קאָנטאָר, האָט זי פארקערעוועט צומ פארוואלטערס קאבינעט אויסשרײַענ דאָרטנ איר גאנצנ צאָרנ. אָבער ווענ זי איז ארײַנגעקומענ אינ קאבינעט, דאפקע אינ נײַעמ קאבינעט, איז דאָ געווענ שוידערדיק שטיל אז ס'האָט איר אָפגענומענ דאָס לאָשנ. אפ אלע געקליארעוועטע ווענט זײַנענ דאָ געווענ אויסגעהאנגענ מערער, ווי אינ אלטנ קאבינעט, שטומע בלאָווע צײַכענונגענ. אפ איינ טיש אונ אפנ צווייטנ זײַנענ געווענ צעלייגט אָנ א שיר פאפירנ אונ ווידער א מאָל צײַכענונגענ. דער פארוואלטער אליינ, פיאָטער אפאנאסעוויטש, איז געזעסנ בא איינ טיש ארײַנגעטאָנ דעמ קאָפ אינ ביידע אונטערגעשפארטע דלאָניעס. אונ ווענ ער האָט עטוואָס אונטערגעהויבנ דעמ קאָפ אמ זאָגנ:

— מע מעג. —

האָט טאָניע געזעענ אפנ פארוואלטערס פאָנעמ א שרעקלעכע מידקײַט. אפנ הוילנ, געלעכערטנ קאָפ האָבנ זיכ געוואלגערט עטלעכע שיטערע הערלעכ. דאָס פאָנעמ איז געווענ אזוי בלייכ, מאט, ער האָט דאָס ערשטע מאָל, זינט טאָניע קאָנ אימ, מיט צוויי אָפנהערציקע אויגנ, זייער מיד געפרעגט:

— וואָס ווילט איר?

אנטאָנינע צאט האָט זיכ פארלוירנ און געזאָגט:

— איכ וועל קומענ אנ אנדערש מאָל.

— זיצט.—האָט דער פארוואלטער אזוי אופריכטיק געזאָגט, אז טאָניע האָט זיכ אוועקגעזעצט, ארויפגעשלונגענ א ביסל סליונע און פארלוירנ געזאָגט:

— א קוואַרטיר. א נײַע קוואַרטיר דארפנ מיר האָבנ.

— דו, טאָניע, חייסט דאָכ גוט, אז די נײַע דירעס זײַנענ בא אונדז פארפאנצערט פאר די פרישאָנגעקומענע ארבעטער. וואָס־זשע ווילסטו?

— א קוואַרטיר.

— ביזט א קאָמיוגיסטקע?

— א קאָמיוגיסטקע.

— און הייסט צונעמענ ווייניקער מיט א קוואַליפיצירטנ ארבעטער פאר „ביס" וועגנ?

— אָבער אויסשלאָפנ זיכ, כאַווער רובײַלע, דארפ איכ? לאָזט מיכ איינמאָל אפ מײַנ לעבנ נאָכ דער ארבעט זיכ אויסשלאָפנ. בא אונדז איז דאָ אכט קינדער. איכ בינ איצטער די עלטסטע. מײַנ טאטע ארבעט 30 יאָר אינ די שאכטעס. לאָזט אים, כאַווער רובײַלע, איינמאָל אפ זײַנ לעבנ נאָכ דער ארבעט זיכ אויסשלאָפנ. לאָזט איינמאָל מײַנ מאמענ זיכ אויסרוענ...

דער פארוואלטער האָט אפנ אָרט גאָרניט געענטפערט. ער האָט ארײַנגעלייגט דעם קאָפּ צווישנ ביידע דלאָניעס. צוגעפירט די גראָבע פינגער צו די פריִער אָנגעקוועטשטע רויטע פאסקעלעכ אפ די באקנ, עטוואָס א טראכט געטאָנ און צוריק ארויסגענומענ דעם קאָפּ.

— גוט, כאַווערטע צאט, איר באקומט א קוואַרטיר.

א דירע האָבנ די צאטעס באקומענ, אָבער דאָ האָבנ זיכ ווידער אָנגעהויבנ קאָכענישנ. טאָניע האָט ניט געוואָלט לײַדנ, פארוואָס באטרײַט מענ ניט דעם דריטנ צימער אינ זייער קוואַרטיר. לויט דער צאָל נעפאשעס קומט דער פאמיליע צאט דרײַ צימערנ מיט א קיכ א באזונדערער. פארוואָס זשע האָט מענ זיי גראָד ארײַנגעזעצט אינ אזא הויזונג, וווּ איינ צימער איז פונ פריִער געווענ פארנומענ מיט דרײַ ארבעטער? טאָניע איז אויסגעקומענ, אז אָנ דעם דריטנ צימער קענ די פאמיליע בשום אופנ זיכ ניט באגיינ: ס'איז פאָשעט ניטאָ, וווּ צו באלייגנ אלע קינדער.

אָבער דער אלטער צאט האָט וועגנ ארויסטרײַבנ די דרײַ ארבעטער אפילע הערנ ניט געוואָלט. ער האָט נאָכ באפוילנ אוליאנענ אלע פרי און אפדערנאכט אופזידנ א טשײַניק אָקרעפּ און ארײַנטראָגנ די מאשיניסטנ. ער איז פונעם גאנצנ אריבערפאָרנ געווענ שטארק צעטראָגנ. ער איז דאָ ארומגעגאנגענ

איבער די נײַע צימערנ אינ די ברילנ, װעלכע ער טראָגט נאָכ דער ארבעט, געשפּיגלט און נאָכדעם צעריבנ מיט דער לאַפּטיע. דער געפּארבטער דיל האָט פונעם צערײַבנ מיט דער שמוציקער לאַפּטיע זיכ געפּלעקט, און ראָמאנ האָט געהייסנ א קינד, װאָס ס'האָט זיכ אים געטראָפנ אונטער דער האַנט, אויסװישנ דעם פלעק.

אינ דער נײַער שטוב איז צוגעקומענ נאָכ א שװעריקײַט: ערטער צום זיצנ איז דאָ ניט געװענ. אינ דער אלטער „קאיוטע" האָבנ די געלעגערס געדינט פאר אזעלכע ערטער. און אינ דער נײַער קװארטיר זײַנענ די בעטלעכ צעשטעלט געװאָרנ בײַ די װענט, און צום טיש, װאָס שטייט אינמיטנ, איז צו װײַט—מענ קאָנ צו אים ניט דערלאנגענ. קאָלקע—א פונלאנג ניט געשװירנ ברוינ באָכערל מיט א שטענדיקנ, פארשמירטנ שפּיץ נאָז האָט פאָרגעלייגט ארויסרײַסנ די ביט פונעם װאַנט־צימער, איבערלייגנ פונויבנ א לאנגע ברעט און אװעקשטעלנ פונ יענער זײַט, װו דער טיש איז װײַט צום בעט. אנטאָנינע האָט געאײַצעט אריבערטראָגנ די בענקלעכ פונ די מאשיניסטנס צימער אהערצו.

— איכ דארפ ניט קיינ ביטלעכ מיט בענקלעכ, מיט גאָר ניט,—האָט דער אלטער צאַט אפ אלעמענ געװאָרשעט מיט אזא אופגעבראַכטקײַט, גלײַכ ער זאָל אינ א דערקיטשענדיקער לאַװע זיכ אָנקלאַפּנ אפ א מאקע איינמאָל, נאָכ א מאָל, אָנ אופהער אפ דעם קראנקנ אָרט זיכ קלאַפּנ...

די מעכאַניזירטע שאַכטע „ביס".

...צום נאָענטסטנ פרילינג האָט מענ אפ דער שאכטע „ביס" אריבערגעפירט אסאַכ קוילנגרעבער און צװישנ זיי ראָמאנ צאַטנ אויכ. בײַ אים איז דאָס געװענ אנ אויסעראָרדנטלעכער טאָג. ער איז צו אָט דער װאַכטע אופגעשטאַנענ פריער, װי געװיינלעכ. אינ דעם באַגינענ איז פונ אונטערנ הויכנ װאַסערפלומפּ ארויס א פרישע, יונגע זונ. אפ דעם אָרט, װוּהינ די זונ האָט אָנגעטראָפנ, האָט דאָס פרעסטל פונ פארטאָג אָנ נאָכגעלאָזט, און דאָס אָרט האָט זיכ נאָכגעגעבנ. ראָמאנ האָט נעבנ די נײַינקע פארקנס דערבליקט אנ אָפּגעדעקטנ שטיינ פונ טראָטואר. דעם טראָטואר האָט מענ אויסגעלייגט פאראײאָרנ ערעװ האַרבסט, און קיינער װייס נאָכ ניט פונ אים. דער ערשטער האָט די געפּלאַסטערטע שטיינער אנטדעקט ער, ראָמאנ צאַט. אָט דאָ, קומט אויס, אינ דער נײַער קאָלאָניע פאר בארגארבעטער װעלנ די גאַסנ זײַנ ברוקירט, מיט טראָטואַרנ, װי אינ די גרויסע שטעט אמאָל פאר באַלעבאַטים. און די הײַזער—

אמינע גרויסע, הויכע הײַזער מענטשנ בויענ אָנו! בײַמעלעכ אויסגעזעצט ארומ זײ, ווי אינ פריצישע הויפנ. אָבער אזא קלײַניקײַט קאָנענ זײ ניט פארשטײנ. קײנ אײנ קוילנגרעבער וועט דאָכ אינ שאכטע ניט וועלנ קריכנ. וואָס איז ער — משוגע געוואָרנ, דער שאכטיאָר: פונ א גאָרטנ קריכנ אינ א פינצטערער, פארשטיקטער, מיט געפארנ פולער שאכטע?

דער אלטער ראָמאנ צאט האָט מיטנ קאָפ, אײַנגעצויגענעמ אינ די אויפגע-הויבענע אקסלענ, געשפאנט אזוי אונטערנ העכסטנ, העלסטנ הימל, ווי אינ א נידעריקנ, פינצטערנ קוילנגרוב; מיט דער לאפּטע געשאָבנ פונ די שטײנער דינע פליוקעלעכ אײַז, און געהאט טײַנעס, זײַנע טײַנעס. א פארטאָגיק ווינ-קעלע האָט א בלאָז געטאָנ און געבראכט א פארזשאווערטנ קוויטש פונ א וואגאָנדל פונ דער לופט-אײַזנבאנ. דער קוויטש האָט ראָמאנענ געטאָנ א קא-לופּע, ווי א שטאָכ מיט א פארזשאווערטנ צוואָק... א מינ פאראדנע לופט-אײַזנבאנ מע האָט אויסגעצויגנ אפ עטלעכע וויאָרסט, אז ביז דער רײַאָנער עלעקטרע-סטאנציע. זי, די אײַזנבאנ, אויסגעענדיקט נאָכ אומ ווינטער — און די טאָרטיראָווניע, וואָס דארפ איבערזיפּנ דעמ אנטראציט, איז נאָכ ניט פארטיק. נאָכ ווענ מע האָט זיכ געשטעלט בויענ די טאָרטיראָווניע, — האָט מענ זיכ נאָכ ניט געקענט אויסקלײַבנ זי אויסענדיקנ, עכ, ווי מע ציט...

פלוצימ האָט דעמ העלנ, לוסטיקנ גאנצפרי דורכגעדרונגענ אנ אופרוהערנדי-קער הודאָק. ראָמאנס לײַב האָט א גרויל דורכגענומענ און ער איז געבליבנ שטײנ. דער פײַפ איז געווענ נײַ, גרויסארטיק — אזוינעמ האָט דער דאָנבאס נאָכ ניט געהערט. דער קוילנגרעבער איז לאנג געשטאנענ און איז געווענ צע-טומלט. דער הודאָק האָט געדויערט אָנ א שיר צײַט און געשפאָלטנ דעמ מויעכ. ער האָט גערעוועט, ווי א יאָנגדיקער פאנצער-צוג, ווענ ס'שטייט פאָר א גרויסע געפאר. אזוי פלעגנ רײַסנ פאסמעס לײַב די פײַערלעכ-פכאָדימדיקע הודזשענ, ווענ שווארצע באלעבאטימ האָבנ זיכ גערוקט פארפלייצנ די קוילנ-גראָבנס... ביז ראָמאנ איז פארגאנגענ אינ שאכטע און דעמ גאנצנ „שפאנ-בא דער ארבעט, האָט דער שוידערדיקער הודאָק דעמ קוילנהאקער די וואָרצ-לענ פונ די האָר געפּרירט...

פאר דער צײַט, וואָס ראָמאנ איז אינ דער נײַער שאכטע ניט געווענ, האָט זי זיכ היפש געביטנ. ווי ס'איז דאָ ליכטיק. געראמ, פריש! אמינע מאסיווע רעלסנ, גרויסע וואגאָנעס! אָבער זײ שלעפּט א בענזינשטופער... און ווו זײַ-נענ די עלעקטרע-לאָקאָמאָטיוונ? נאָכ ווענ האָט ראָמאנ געטראכט וועגנ זײ. און דאָ פאטערט מענ אזויפיל צײַט. מענ זאָל דאָ כאָטשבע עמעצנ זענ צו-אײַלנ זיכ. אָנ ווערסער האָט ער געשפאנט ווײַטער. ער האָט בא דער ארבעט

אויך קימאַט ניט געהערט. דער אינסטרומענט, מיט וועלכן ער האָט היינט אָפּ־געשלאָגן דעם אַנטראַקט, האָט אויסגעזען ניט געוויינלעך — קיינמאָל אַזאַ גרינגער אינסטרומענט ניט געווען. דער אַלטער קוילנהאַקער האָט זיך די גאַנצע וואָכט געגרייט ערשט נעמען זיך צו דער שווערער אַרבעט און האָט זיך ניט דערוואַרט. וואָס פֿאַר אַ שוועריקייט איז אָפּשלאָגן דעם אַנטראַקט און אָנוואַלגערן אים אַפֿן קאָנווייער, אַז דאָס איבעריקע טוט ער שוין אַליין: אַליין פֿירט ער די הורדעס קוילן אַראָפּ. בײַ די זײַטן איבער דער גאַנצער לענג לאַנגע שטייען אויסגעשטעלט שטופּמאַשינעס און זייערע אײַזערנע עלנבויגנס שלאָגן אונטער די בעקנס פֿון קאָנווייער. די הורדע אַנטראַקט טוט זיך אַ רוק פֿאָרויס, און דער בעקן צוריק. אַזוי אָ: אַ רוק און צוריק, אַ רוק און צוריק... און נאָך: דאָ ברענען עלעקטרישע לעמפּלעך, ס׳איז גוט ליכטיק; ס׳איז, דוכט זיך, אויך געגנג געראַם. אַ ראַעש איז דאָ איבערן קאָנווייער בלויז אַביסל אַ שטאַרקערער, ווי אין אַן אַלטער לאַווע. אויב אַזוי, פֿאַרוואָס־זשע אַמפּערט מען זיך דאָ וועגן געצאָלט — פֿאַרשטייט ניט ראָמאַן צאַט. און פֿאַרוואָס האָט מען דאַווקע אַף דער נײַער שאַכטע פֿאַרקלענערט דעם אַרבעט־טאָג? אַפֿילע קיין אַכט שעה ניט אַרבעטן...

אומדערוואַרט האָט דער קאָנווייער זיך געטאָן אַ שטאַרקן רוק און מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, ווי לויט אַ קאָמאַנדע.

ס׳איז געוואָרן מיטאַמאָל פֿינצטער.

— פֿאַרוואָס ס׳זיך אָפּגעשטעלט?

— ס׳איז קיין שטראָם ניטאָ.

— ס׳איז קיין טאָק ניטאָ.

— ס׳קיין טאָלק נישטאָ!

פֿאַרוואָס פֿאַריכט מען נישט? וואָס פֿאַרלירט מען צײַט? אָן שיר אַנטראַציט איז אָנגעהאַקט. אַ פֿולער קאָנווייער מיט הורדעס קוילן. שטופּערס, וואָס שלאָגן איר ניט אונטער די בעקנס פֿונעם קאָנווייער? ווען ראָמאַן צאַט האָט אײַזערנע עלנבויגנס, שטופּט ער אַליין אונטער דעם קאָנווייער. איצט איז פֿינצטער. די שאַכטיאָר־לעמפּלעך באַלײַכטן גאָרניט. אין אַזאַ שאַכטע איז מיט די „וואָלף־לעמפּלעך" פֿינצטערער, ווי אין אַן אַלטער. דאָ מוז מען האָבן עלעקטרע. פֿאַרוואָס־זשע ברענט ניט די עלעקטרע? ראָמאַן צאַט עקסט זיך.

— פֿאַרוואָס ברענט ניט די עלעקטרע?

— ס׳קיין טאָלק נישטאָ. ניטאָ ווער ס׳זאָל פֿאַריכטן.

דער עלעקטריקער איז פארגומען אין דער דריטער לאווע. אין דער פינפטער לאווע, אין דער זיבעטער לאווע...

און נאָכדעם, אז ס'דערשײַנט שטראָם, און די מאשינעס הײבן ווידער אָן ארבעטן, שלאָגט ראָמאן מיט א גרעסערן אימפעט אָפּ די הרודעס קוילן און יאָגט די אָנוואלגערס ווארפּן שנעלער אין קאָנווייער ארײַן... אָבער אין א שאָ ארום שטעלט זיך נאָך אמאָל די ארבעט אָפּ. ווידער פינצטער. שטיל. נאָגעדיק. און ווען ס'קלעקט ניט קיין שטראָם צום דריטן מאָל און פערטן מאָל איז ראָמאן אָפּ זיך בײַז, אלעמײַ ער קען ניט צורעכט מאכן. אין אזא שאכטע ווי „ביס" דארף יעדער ארבעטער קענען צורעכט מאכן און פארשטיין אין עלעקטרע. אָבער מערער בײַז איז ער אָפּן „שליטלער", אָפּ רובײַלען: ער האָט ניט געקענט אײַנזינען האָבן, דער שאכטפארוואלטער, צו דער צײַט פארגרייטן באלמעלאָכעס. ראָמאן ווײס, דוכט זיך, ניט אויסהאלטן, ביז דער יאָנטעוודיקער עפענונג. ער וועט נאָך פריער א זאָג טאָן סאָטנוּיקעג. ער איז א סעקרעטאר, פּיליפּ — דארף אים אביסל מערער בראָטן, אז מע לאָזט דורך אזא שײַנהײַט „ביס", וואָס לעבט בלויז פון עלעקטרע, און אײן עלעקטריקער פארזאָרגט מען אָפּ עטלעכע לאוועס. נאָך ווען האָט ראָמאן צאט זיך פארטראכט וועגן עלעקטריקער — העט־העט ווען. זײַן טאָניעט האָט ראָמאן געלערנט אָפּ עלעקטרעטעכניקער נאָך צוריק מיט יאָרן. אלע אכט קינדער וועט ראָמאן אויסלערנען פאר עלעקטריקער... אָבער גײ שלעפּ מײדלעך אהערצו אין שאכטע. דאָס דערלאָזט זיך ניט. כאָטש אײב ס'וועט אזוי גײן ווײַטער, וועט ראָמאן ברענגען זײַנע מײדל אהערצו. זי וועט שוין מאכן א טאָלק.

און כאָטש דער אלטער קוילנגרעבער האָט בא זיך אין קאָפּ אזוי גוט אויסגעשטעלט, האָט אים דאָך גענאָגט־גענאָגט באם הארצן: עפּשער איז אים געווען אזוי שווער פונעם גאנצפריערדיקן פײַפן, און עפּשער האָט נאָר דער הודאָק אזוי גערודערט, ווײַל די נײַע שאכטע „ביס" שטײט טאקע פאר א סאַקאָנע, און דער גערודער וואָרנט, וואָרנט?..

פון דער ארבעט איז ראָמאן אוועק מיד, נאָך מידער, ווי אין די אלטע שאכטעס. כאָטש ער האָט דאָ ניט אזוי געהאָרעוועט. ער האָט זיך געשלעפּט איבער די אויסגעארבעטע גאלערייעס ביז צום גרונט־שטרעק. און כאָטש דאָ אָפּן גרונט־שטרעק איז געווען אזא פארקער, ווי אין א הויפּ פון א גרויסן זאוואָד, האָט עס דעם קוילנהאקער ניט פארכאפּט. שאכטיאָרן האָבן זיך געיאָגט איבער די טראָטוארן אין בײדע זײַטן אהין און צוריק. בענזין־שטופּערס האָבן געבראכט פון אלע עקן לאנגע צוגן וואגאָנעס, אָנגעלאָדענע מיט פרישן אנטראציט און נאָך לענגערע צוגן ליידיקע. אָבער זײ האָבן פארסאמט די לופט

מיט טשאַד, און ראָמאַן צאַט איז געווען ניט צופרידן, אַלעמען האָט דער מוּלאַ פּעטראַ אַכוואַנאַסעוויטש, דער פאַרוואַלטער, ניט באַזאָרגט די שאַכטע באַצײַטנס מיט עלעקטראָלאָקאָמאָטיוון...

פונעם הײַבקאָרב האָט מען הײַנט צאַטן און די איבעריקע אַרופגעצויגענע שאַכטיאָרן, אָן אַ פּאַרוואָס, ניט געלאָזט אָפּ דער עסטאַקאַדע און אײַנדרויסן. מע האָט נאָר אופגעעפנט אַ טיר, און זיי זײַנען אַרײַן אין אַ הויכן קאָרידאָר וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט איבערגעזעטיקטער פּאַרע, ווי אין אַ באָד

— זע, ריכטיק—ס'איז טאַקע אַ באָד! מיט שיסלען, מיט זייף, מיט דושן, מיט...

— וואָס זאָגסטו, צאַט,—באַרימט זיך אַ נאַקעטער קוילנגרעבער,—שוין אָנגעהויבן אונדז שיקן אין טעכנישע בעדער, ווי פּערסאָנאַל.

הײַנט אין באָד קוקט מען זיך סאַכאַקל מערער אַרום, ווי מע וואַשט זיך. אַלע זײַנען פאַרגאַפט אָפּ דעם טיפן טייכל, וואָס די שאַכטע „ביס" האָט צוגעטראַכט: פון דער אַרבעט גלײַך אין באָד, ניט באַווײַזן זיך אין גאַס פאַרשוואַרצט. און נאָך מערער זײַנען די אַלטע קוילנהעקער איבעראַשט, ווען די מאַלבושימהיטער קערט אום אָנשטאָט דער „שאַכטיאָרקע" ריינע קליידער.

— ווי קומט אַהערצו מײַן אָנטאָן?

— ס'דאָך טאַקע מײַן אָנטאָן!

— דאָס איז אַלץ אָפּ אונדזער כעשבן.

— זיי וועלן שוין דערפאַר העצקען די פּרײַזן.

— דאָס איז פאַר אונדזערע אָבליגאַציעס.

— פאַר די קינדערס שיכלעך.

— אוכ, צוגעטראַכט. עמעסע בעריעס!

ווען מע איז אַרויס פון דער באָד, האָט דער קאָמפּרעסער דערלאַנגט אַזאַ פּבאָדימדיקן פײַפּ, ווי אײַנדערפרי—אָבער ראָמאַן האָט ניט פאַרשטאַנען, אָפּ וואָס אַזוי הודזשען. איצט איז דער דרויסן געווען פול מיט זון און אַזוי ליכטיק ווי קיינמאָל ניט, זינט דער דאָנבאַס לעבט. איבער די ריוטשאַקעס און איבערן גאַנצן שליאַך איז געווען געדיכטע וואַסער, אָבער גאָרניט שמוציק: דאָס פליסנדיקע וואַסער האָט געבליאָסקעט, מיט זיך אַליין זיך געליובעט. אַלע הײַזער, צווייסטאָקיקע און דרײַשטאָקיקע הײַזער, בלישטשען, זײַנען ניקליאַרעוועט. די ניטאַרומגעענדיקטע הויפן—די שול, דער גרויסער קלוב האָבן איפּעדיק געזשובט, און ראָמאַן האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי איז גלײַך: אַ פּאָר הויפן קאָנען ניט צעשטערן די פרייד בײַ אַ גאַנצער קאָלאָניע.

שוין בײַ דער פּאָרטקע פון זײַן הייפ איז דעם קוילנהאַקער אַנטקעגן אָנגעקומען אוליאַנע. איר איז נאָכגעלאָפן קאָלקע.

— װאָס איז מענ הײַנט געקומענ נעמענ דײַנ אָנטאָנ אינ קאָנטאָר ארײַנ?
איכ האָב ניט געװאָלט געבנ. האָבנ זײ אָבער געפאָדערט.

— אוכ, טאטע, ביסטו הײַנט אזא רײנינקער, — האָט קאָלקע זיכ א ריב געטאָנ אָנ טאטנס ארבל אונ א װיש געטאָנ די נאָז פונ אונטנ ארופ.

אוליאנע איז געװענ שמוציק פונ פאָרענ זיכ אינ שטוב, אונ דאָס האָט דעמ קוילנהאקער איצט, װענ אלצ האָט אזוי געשימערירט, געשניטנ די אויגנ.

— האָסט זיכ הײַנט עפּעס פארארבעט מער, װי אלע טעג.

— ניט מערער װי אלע טאָג.

— מער, װי אלע טאָג, — האָט קאָלקע פאריכט. — די מאמע האָט געקאָכט באָרשטש, אונ קארטאָפליעס, אונ געפּרעגלט בוימל מיט ציבעלעס, אונ אלצדינג.

— װיש אָפּ די שטיװל, — האָט קאָלקע פארהאלטנ דעמ פאָטער. — נינקע האָט אָפּגעװאשנ די דילנ, שרײַט זי אפּ אלעמענ.

— מעגסט אזוי ארײַנגײנ, — האָט אוליאנע א שמײכל געטאָנ.

— נײנ, נײנ. טאטע, װיש אָפּ. נינקע שרײַט. אפּ מיר האָט זי אויכ געשריִענ.

ערשט איצט האָט ראָמאנ נאָכ א מאָל באמערקט, אז אפּ זײַנע פיס זײַנענ גאָר שטיװל, ניט די לאפּטיעס — אונ ער האָט זיכ נאָכ א מאָל דערמאָנט אָנ דער באָד. גאָר א װאזשנע באָד. אזוי איז בעפּירעש גלײַכער, אײדער אינ יעדער שטוב באזונדערע ביסלעכ. זײער גוט, װאָס די גאנצע שמוציקע אָנטאָנ לאָזט מענ דאָרטנ איבער. אינ דער נײַער קאָלאָניע װעט מענ אינ קורטיקע „שאכטיאָרקע“ ניט זענ. דאָס איז גוט, זײער גוט. אָבער... אָבער אינ שאכטע גײט דאָכ די ארבעט ניט. אנטראציט גיט מענ װײניק ארויס „נאהאָרא“. אונ װענ ראָמאנ האָט נאָר אריבערגעשפּאנט די טיר־שװעל, האָט ער גאָר א פרעג געגעבנ:

— װוּ איז טאָניע?

— בא דער ארבעט.

— נאָכ בא דער ארבעט? — ער האָט אויסגעשפּיגנ, געהײסנ עמיצנ אויסװישנ דעמ שפּײַ פונ דער געפּארבטער פאָדלאָגע אונ אויסגעשריגנ:

— אוליאנע, הײַנט טאָניענ א גוטנ װארעמס. מײַנ עסנ גיב איר אינגאנצנ אָפּ. גיב איר אָפּ אונ זאָג איר, זי זאָל גלײַכ קומענ צומ קאָרב. איכ װעל דאָרטנ אפּ איר װארטנ. זאָל זי שוינ אהינצו צוקומענ. עלעקטריקער דארפ מענ האָבנ. פארשטײכט, אוליאנע, מע מוז אהינצו האָבנ גוטע באלמעלאָכעס. אינ שאכטע מוז מענ האָבנ עלעקטריקער, אָנ א שיר עלעקטריקער. אונ טאמע דאָס לײגט מענ אָפּ הענט־העט צומ טאָפּ. זאָג איר, הײס איר, זאָל זי גלײַכ אהינצו צוקומענ...

קאדרענ, קאדרענ!

שפעטער מיט אַ שטיקל צײַט איז ראָמאנ דער אָנװאלגער געשטאנענ ניט װײַט פונ דעם בלוי־אויגיקנ שאמינענ אונ געװאָרפנ אנטראציט אינ טאראכקעדיקנ קאָנװייער. װיפל מאָל צאט האָט אופגעהויבנ דעם קאָפּ, האָט ער געזענ, װי איבער דער גאנצער לענג לאװע שטייענ אויסגעשטעלט ארבעטער, אונ אויכ אזוי איינפאכ, װי ער, נעמענ זיי אָנ לאָפּעטעס אָנגעהאקטע קוילנ אונ שיטנ זיי אויס. אָנגענומענ אונ אויסגעשאָטנ. שאמינ האָט מיטנ לענגלעכנ, באװאקסענעם פּאָנעם אלע מאָל זיכ אומגעקוקט צו ראָמאנענ אונ מיט געהאקטע פראזעס, אינ העסקעם מיט יעדנ װאָרפ פונ דער לאָפּעטע אינ קאָנװייער־בעקנ ארײַנ, געסטײַנעט:

— דרײַסיק יאָר — א קוילנהאקער... אָפּגעװענ א קוילנהאקער דרײַסיק יאָר... אונ אפ דער עלטער א שװארצארבעטער געװאָרנ... א פּאָשעטער שװארצארבעטער...

שאמינ האָט מיט דער נאקעטער האנט אָפּגעװישט דעם שװייס פונעם פּאָנעם, א פיר געטאָנ מיט דער האנט איבער די אָנגעשטויבטע הויזנ אונ זיכ אויסגעגלײַכט, אפ װיפל אינ א לאװע איז מעגלעכ זיכ אויסגלײַכנ. ער האָט נאָכ געסטײַנעט אונ זײַנע רייד זײַנענ איצט אויסגעקומענ שוינ ניט איבערגעהאקט:

— דרײַסיק יאָר די שװערסטע שאכטיאָרישע ארבעט. ניט קיינ לאָפּנטרעגער דרײַסיק יאָר. ניט מיט פערדטרײַבערײַ זיכ פארנומענ. אביסל אָפּגעקומענ מיט שליטלערײַ; אביסל פעסט־ארבעט. אָבער דעריקער מיט דער קײלע. האקנ אונ האקנ... װיפל קוילנ אָפּגעשיבעט. װיפל פלאסטנ אינ מײַנ לעבנ „ארויסגעגעבנ“... זאָג, — האָט שאמינ אומגעריכט א פרעג געגעבנ: — זאָג, ראָמאנ, איז נאָכ פאראנענ אפ דער װעלט שװערערע ארבעט, װי קוילנהאקערײַ?

ראָמאנ צאט האָט ניט געענטפערט, אונ דער בלוי־אויגיקער שאמינ האָט דאָס אליינ געטאָנ:

— נישטאָ! — האָט ער פארזיכערט. — בעפּירעש נישטאָ. דרײַסיק יאָר בא דער ארבעט די פלייצע ניט אויסגלײַכנ. דרײַסיק יאָר אָפּגעקרעפּעט בא א קוילנהאקער... זאָג, ראָמאנ, קוילנהאקערײַ הייסט א רעכטע מעלאָכע?

צאט האָט געװאלגערט שטיקער אנטראציט אפנ קאָנװייער, האָט ער ניט געענטפערט. אונ דער אונטערגעהויבענער שאמינ האָט אליינ װײַטער גערעדט:

— א רעכטע מעלאָכע. בעפּירעש א רעכטע. א ק װ א ל י פ י ק א צ י ע!...

אונ נאָכ די דרײַסיק יאָר — װידער א שװארצארבעטער געװאָרנ: שטיינ אונ װאל־

גערן מיט דער לאָפּעטע אנטראַציט אין קאָנווייער. און נאָך דרײַסיק יאָר אָפּארבעטן אין פאַרשיקעוועטע שאַכטעס, הייסט מען דיר אָנעמען און אויסשיטן, אָנעמען און אויסשיטן.

ראָמאַן פאַרשטייט אינגאַנצן ניט אַף וואָס זיך קלאָגן. די שאַכטע „ביס" איז אַזעלכע, וואָס יעדער קוילנגרעבערס האַרץ קאָן פאַרכלינעט ווערן פון איבערגעפּולטקײַט. ס'איז דאָך אַ שאַכטע אָן אַ באַלעבאָסטע יעליענע, אָן ארטעלשטשיקעס, און אַזוי ליכטיק, און אַזוי געראַם איז אין איר, ווי אין אַן אונטערהימלדיקער פאַבריק; און מאַשינעס וויפל דאָ טוט זיך. נו, און אויב מאַשינעס — איז צו וואָס פאַר זיי די ארבעט אַף זיך נעמען? פיל גלײַכער: אוועקשטעלן מאַשינעס פאַר זיך ארבעטן און אַליין שטיין בײַ דער זײַט און זיי בלויז דערמאָנען טאָן בעסער, טאָן גיכער... און אויב זיך קלאָגן, איז גאָר אַף עפּעס אַנדערש. נאָר ראָמאַן קאָן דאָס איצטער ניט טאָן: די קוילן־שניט־מאַשין האָט אָנגעהאַקט אַסאַך אנטראַציט. און מען דאַרף אים וואַלגערן און וואַלגערן.

יענע טעג האָט פאַר ראָמאַנען אַ מאַשין, יעדער מאַשין, אויסגעזען גאָר ניט אַזוי, ווי ביז דער צײַט. אַף אַ מאַשין, ווי אַף אָן שיר אַנדערע געוויינלעכע זאַכן, האָט צאַט קיינמאָל ניט אַכטונג געגעבן. איצט, איז ווו ער האָט ערגעץ באַמערקט אַ מעכאַניזם, כאָטש ער האָט אין אים גאָרניט פאַרשטאַנען (אָדער ווײַל ער האָט אין אים גאָרניט פאַרשטאַנען), האָט ער געמוזט זיך אומקוקן, לעבן דעם זיך אָפּשטעלן. ער האָט געזען אין יעדן מעכאַניזם אַ האַרץ, אין וועלכן ס'ליגט אַ קראַפט, וויפל אַסאַך פערד פאַרמאָגן. און אויב זיך צו אים אָפּגעבן, קאָן דער מעכאַניזם ארבעטן פיל בעסער און גיכער, ווי אַ מענגע מענטשן מיטאַמאָל. אויב אַזוי — איז ווען ראָמאַן האָט ערגעץ דערזען זיך וואַלגערן אַ טייל, אַ דעטאַל פון אַ מאַשין, — האָט ער שוין ניט געקענט רויִק פאַרבײַגיין. קיין מאַשינען־טיילן טאָרן ניט זײַן צעוואָרפן אַף אַ שאַכטע „ביס", וואָס דאַרף אַזוי האָבן מאַשינעס, אָט די פראַגע דאַרף מען טאַקע אוועקשטעלן פאַר די דירעקטערס, אָדער וועגן דעם שוין אויך אַ שמועס טאָן מיטן סעקרעטאַר פונעם קאָמערל: צו מאַשינעס און זייערע דעטאַלן זאָל מען זיך אַזוי לײַכט ניט פאַרהאַלטן.

אַרום אַלע געבײַען פון דער שאַכטע ברענען איצט גרויסע עלעקטרישע לעמפּ. איבער דער גאַנצער לענג פון דער לופט־אײַזנבאַן ציט מען שוין אויך אויס לאַנגע שורעס מיט לאָמפּן. ערגעץ טיף אין הימל דרייט זיך אום קימאַט אַ גאַנצע לעוואָנע, נאָר די כמאַרעס האָבן אויפגעהויבן אַ מעסוקענעם שטויב און זי אינגאַנצן פאַרפאָראָשעט. קיינער דאַרף זי סײַווי ניט האָבן. אינגיכן

וועט מענ שוינ אפ די סלופעס, וואָס זײנענ צעשטעלט איבער דער נײער קאָלאָניע, אויכ אויסהענגענ לעמפלעכ.

שוינ טיפ זומער איז געגאנגענ דער פראָבנער כוידעש אפ שאכטע „ביס״ נאָכ דעמ טערמינ האָבנ די דײטשישע פירמעס באדארפט איבערגעבנ די גאנצע אויסשטאטונג אינ גאנג דער שאכט־פארוואלטונג. עמעס, ס׳האָבנ נאָכ אלצ ניט קורסירט די עלעקטראָ־לאָקאָמאָטיונ; ס׳זײנענ נאָכ ניט געווענ אײנגעשטעלט א פאָר אומפאָרמערס, אײניקע טראנספאָרמאטערס—אָבער נאָכ ווארטנ איז אוממעגלעכ. פיאָטער אפאנאסעוויטש רובײלענ איז שוינ פאָשעט א ביזאָיענ קוקנ אינ די אויגנ די טרעסט־לײט אונ נאָכ א גרעסערע—די ארבעטער: דער גאנצער מײרעוו־פליגל איז שוינ „ארויסגעגעבנ״ געוואָרנ דורכ „יעליענע״; אזוי פיל מיליאָנענ, אזוי פיל מיליאָנענ פארטאָנ—אונ ערשט איצטער שטײט א פראגע צי די שאכטע איז פארלײגט אפנ אָרט.

רובײלע האָט זיכ איצט ווידעראמאָל געכאפט צומ געאָלאָגישנ פראָפיל פונ דער בעגנט; פונדאָרטנ איז ער אָפּגעגאנגענ צו דער קארטע מיט דער צײכענונג פונעמ שטאמ־קווערשניט דאָס שמאָלע בלויע פאסעקל, וואָס האָט זיכ געצויגנ נידעריקער פונעמ „ארצ־הויפ״ [1]). האָט אימ עפעס געמאכט לײכטער אָבער ניט אינגאנצנ: צומ „קאָטשײעווער״ פלאסט איז נאָכ היפּש ווײט,—ביז מע וועט זיכ צו אימ דערקלײבנ, וועט אוועקגײנ נאָכ גענוג צײט.

— ווידעראמאָל „צײט״, אָבעראמאָל „צײט״,—האָט רובײלע אפ זיכ אלײ צעשריגנ.—ס׳איז מאמעש א סקאנדאל. ווי מ׳האָט לעצטנס אָנגעהויבנ צו טאָ מיט דער „צײט״!

אינ כיר פונעמ קאבינעט האָט מענ אָנגעקלאפט, אונ ס׳איז ארײנגעקומענ א מאשיניסט פונ א קוילנשניטער. אָנ א פרעג איז ארײנגעקומענ דער סעקרעטאר פונ פארטײ־קעמערל,—כ׳ סאָטניוק. דער פארוואלטער איז געוואָרנ אינ פארלעגנהײט, וועמענ פריער אויסהערנ. נאָר סאָטניוק האָט אלײנ גלײכ אָנגעהויבנ.

— וואָס וועט, כאווער רובײלע, זײנ מיט דעסיאטניקעס?

— האָבנ מיר דאָכ שוינ אויסגעטײלט.

— יאָ?—האָט פיליפ סאָטניוק איבערגעפרעגט, גלײכ ווי ער איז אָקאָרשט געוואָרע געוואָרנ,—נו, אויב אזוי קענסטו שוינ זיצנ מיט א לויטערנ קאָפ בא זיכ אינ קאבינעט. עפשער קענסטו מיר זאָגנ: דער „ציקל״ [2]) אונדזוערער לײגט זיכ אויס אינ אָפּגעשטעלטנ טערמינ?

---

[1]) ארצ־הויפ—קאמער, וואָס פארײניקט דעמ שאכט־ברונעמ מיט די אונטערערדישע גאלעריענ

[2]) ציקל—אזא סיסטעמ פונ ארבעט, בא וועלכער אלע אָפּעראציעס (אָנהאקנ קוילנ, זײ ארויס־פירנ, ארויסגעבנ א. א. וו.) טוענ זיכ אָפּ אינ א באשטימטנ טערמינ.

— וואָס ווילסטו, די ערשטע צייט זאָל מען דעם „ציקל" שוין אויסלייגן אין א מעסלעס?

— ס'איז אָבער א קלאָרע זאַך, אז מע לייגט זיך אין צוויי מעסלעס אריין ניט אויס. און דו פארגעסט, אפּאָנעם, אז מיר דאַרפן שוין אַמאָל אָנהייבן געבן קוילן אויך.

רובײַלע האָט געוואָלט זאָגן: „ווענדט זיך אין וועלכער לאַווע". נאָר דאָ איז אינמיטן אריין מיט ווערטער דער מאַשיניסט. ער האָט געזאָגט:

— איך בין אויך געקומען, כאַווער רובײַלע, וועגן דעם פּרעגן. שוין היינט דער צווייטער מעסלעס, אז מיר האָבן אָנגעשניטן אַנטראַציט, און ער איז נאָך ניט „ארויסגעגעבן נאַהאָרא". מיר קענען דעריבער ווײַטער ניט שנײַדן.

דער געשטופּלטער רובײַלע איז געוועזן זיכער, אז מיט פּיליפּן ריידן איז איצט ניטאָ וואָס. אָנשטאָט אַלע רייד האָט ער גאָר געזאָגט:

— קום, וועלן מיר זיך אראָפּלאָזן אין שאַכטע.—ער האָט אָנגעטאָן אַפּן קאָפּ דאָס היטל, דאָס צוריק אראָפּגענומענע און געזאָגט מיט א שמייכל און ניט אָן גייעס:—מיר גייען איצט ניט איבערן דרויסן. פון קאַנטאָר גלײַך אין שאַכטע, דורך דער באָד.

אין די קאָרידאָרן איז געווען רעכט געראַם און פּריש. דורך אָט די גרויסארטיקע קאָרידאָרן גייט פּיליפּ ניט צום ערשטן מאָל. און יעדערס מאָל קאָן ער זיך מיט זיי ניט אָנטישען. ס'איז סאָטניוקן'פונסנײַ'מאָדנע דורך אַזעלכע ריינע הויכע צימערן גיין אין א שאַכטע. פּיליפּ, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט אַזוי פיל יאָרן אין פארשיידענערליי שאַכטעס, האָט זיך אַליין געגרייסט. אזא באַקוועמע שאַכטע האָט ער זיך אפילע קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט.

אין דער אַרבעט האָבן היינט באַדאַרפט זײַן אַסאַך לאַוועס. צו דער ערשטער, ווען זיי זײַנען צוגעקומען, זײַנען אַלע געוואָרן געפּלעפט. איבער דער גאַנצער לענג פון א הונדערטמעטערדיקער לאַווע האָבן געברענט ליכטיקע עלעקטרישע לעמפּלעך. קימאַט לעבן יעדן לעמפּל איז האַלב געשטאַנען אַן אַרבעטער און געוואַלגערט אַנטראַציט אין קאָנווייער אריין. זײַנע רעשטאַקעס האָבן מיט אַן איבערראַשנדיקן זיך, זאַכלעכן קאַראַש זיך גערוקט און געבליבן אָפּ איין אָרט; און מיט יעדן רוק אָפּגעשאָטן א מאָס קוילן אין וואַגאָנדל אריין, וואָס איז דאָ באַם אויסגאַנג געווען אונטערגעשטעלט. פון עטלעכע אַזעלכע שיט איז דער וואַגאָן געוואָרן פול; מע האָט אים אָפּגעשטופּט און זײַן אָרט האָט פאַרנומען א ליידיקער.

— פּיאָטער אַפאַנאַסעוויטש,—איז מען פון א לאַווע זיך געקומען קלאָגן,— שוין א שאָ, אז מיר האָבן ארויסגערופן אַן עלעקטריקער און ער קומט ניט.

פיאָטער אפאנאסעוויטש, דער בעוועזענער שליסלער, וויל גאָר ניט ענט־פערנ אונ וויל איצט מיט קיינעם גאָרניט ריידנ. וואָס קומט מענ זיכ נאָכ קלאָגנ?

— אָבער קיינ ליאמקע דארפסטו ניט. נו, גיי זשע. דער עלעקטריקער העט באלד קומענ.

קיינ ליאמקע דארפ איצט קיינער ניט. ניטאָ קיינ שליסלערס. אויס! רובייליע פארשטייט לאכלוטש ניט, ווי האָט ער עס געקאָנט אינ „יענע" יאָרנ א וועלט מיט שאָענ—צוועלפ, צי פופצנ שאָ אינ איינ „שפאנ"—ראטשקעווענ אפ אלע פיר, פויזענ אפנ בויכ, אונ שלעפנ אָנגעלאָדענע שליטנס. וואָס קלאָגט מענ זיכ אליינ נאָכ? ווענ פעטרענ קומט אויס בלויז אָנוואלגערנ אפ דעם לאנגנ, ציטערדיקנ קאָנווייער, וואָס שלעפט ארויס די קוילנ אינ גאלעריע—וואָלט ער געוואלגערט באטאַג אונ באנאכט. דאָס איז דאָכ א שפילכל—דאָס איז גאָר קיינ ארבעט ניט...

אינ דער צווייטער לאווע איז געווענ שטיל. אונ ווײַל זיי זײַנענ נאָר וואָס אוועק פונ אזא לעבעדיקנ ראעש, האָט די שטילקײַט געשווינדערט. ווי אָט זיי זײַנענ אָקאָרשט געווענ שטיפנ מיט א גוט באקאנטנ, אונ ער איז פלוצים שטום געוואָרנ. די לאווע איז געווענ קירצער, ווי מענ האָט געקענט זענ לויט דער ווירע לעמפלעכ, אונ קיינ קאָנווייער איז דאָ ניט געווענ. אנ איבערגע־קערטער סקרעפער [1]) איז געלעגנ פארמורזעט אינ קוילנ אונ זיכ ניט גערירט. אונ דאָס איז געווענ שווער צו זענ: סאמע דער סקרעפער, וואָס לויפט קע־סיידער אזוי אומרויִק ארופ אונ אראָפ, אהינ אונ צוריק, אונ מיט אזא גרייט־קײַט פילט ער אָנ פאר צוויי־דרײַ געננ אנ אונטערגעשטעלטנ וואגאָנ—סאמע ער ליגט, ווי א כוילעניופל צעכראסטעט אונ שנײַדט די קישקעס אינ בויכ.

ווּ איז דער דעסיאטניק? פארוואָס קרענקט דאָ ניט דער דעסיאטניק?

נאָר יערעמינ דער דעסיאטניק זאָגט, אז דער עלעקטרישער מאָטאָר, וואָס באוועגט די שלעפווינדע, איז קאליע.

— וואָס הייסט?

— אנ ארבעטער איז גענאנגענ אָפשטעלנ די ווינדע, האָט ער מיט לאָ־פעטע דעם שאלטער אָפגעשלאָגנ. געמאכט ערגעצ א קורצשלוס אונ פאר־ברענט דעם מאָטאָר.

— וואָס הייסט?

— אזוי טוענ אסאכ סעזאָניקעס.—גרילצט יערעמינ מיט א געלעכטער, וואָס לעכערט דעם קאָפ.—זיי האָבנ מוירע פאר „שלאָגנ אפנ קאָרפוס".

---

[1]) א סקרעפער—קוילנ־ארויסשארער.

— און װוּ זײַט איר, כאַווער יערעמיִע, געווען? און... לאַכט ניט, כ'בעט אײַך.

— איך לאַך ניט, פּיאָטער אַפאַנאַסיעוויטש. און בײַ יעדן אויסשליסן און אײַנשליסן קען איך דאָך אַליין ניט זײַן.

— פאַרוואָס זשע פאַריכט מען ניט?

— איך האָב געשיקט נאָכן עלעקטריקער, איז ער פאַרנומען אין אַנדערע לאַווע. און אַליין פאַריכטן אַן עלעקטרישן מאָטאָר וועל איך זיך ניט נעמען.

די פאָלגנדיקע לאַווע איז געווען די גרעסטע אין שאַכטע „ביס". פאַר איר זײַנען קיין וואַגאָנעט ניט געשטאַנען. דער לעצטער רעשטאַק פונעם קאָנווייער האָט דעם אַגרעגאַט גלײַך געשיט אין „בונקער"[1] און פונדאָרטן האָבן די קוילן מיט אַ סקיפּ[2] זיך געהויבן אַרויף. אָט די איינע לאַווע האָט באַדאַרפט געבן אַזוי פיל, וויפל די גאַנצע שאַכטע „יעלי־ענע". דאָ זײַנען פון ביידע זײַטן קאָנווייער געשטאַנען אָנגעבויגן צענדליקער אַרבעטער און אָן אויפהער געשאָטן. דער קאָנווייער האָט אײַנגעשפּאַרט זיך גערוקט אַהין צוריק, גערוקט און צוריק און מיט יעדן רוק אָפּגעשאָטן קוילן טיף אין בונקער אַרײַן.

אַלע דרײַ געסט האָבן איבערגעלאָזט די שאַכטיאָר־לעמפּלעך בײַם אַרויסגאַנג און אַליין אַוועקגעהויקערט איבער דער לאַווע. זיי האָבן שוין קוים בײַם צווייטן עק, דאָרטן, וווּ דער קוילנשניטער האָט אונטערגעהאַקט אַ פּלאַסט, אומגעריכט באַגעגנט ראָמאַנ צאַנן הערלפן אָנפירן מיט דער מאַשין.

— ווי קומט איר אַהער?—האָט דער שאַכט־פאַרוואַלטער געפרעגט, ראָמאַן האָט זיך פאַרלוירן און ער האָט געזאָגט:

— ס'איז איצטער ניט מײַן וואַכטע.

— ווי זשע קומט איר אַהער?—האָט רובילע נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט. ראָמאַן האָט זיך אונטערגעהויבן און האָט גאָר אָנגעטאָן די ברילן, וואָס ער טראָגט זיי נאָך דער אַרבעט. ער האָט אָנגעמען דרײַ באַקוקט און אומדערוואַרט באַמערקט, אַז ס'איז איצטער זייער שווער אונטערצושיידן דעם שאַכט־פאַרוואַלטער פון די איבעריקע: אַלע זײַנען אָנגעטאָן אין שאַכטיאָרקעס, אין שטיוול, אין שליאַפּעס; און דעריקער, וואָס קוים אַלע זײַנען אײַנגעריסן—אַלע גרויסע, שטאַרקע. האָט ער זיך אונטערגעהויבן, אַף וויפל אין אַ שאַכטע איז מעגלעך זיך אונטערהייבן, און פאַר אָן אַ שיר יאָרן געזאָגט דעם שאַכט־פאַרוואַלטער אַליין אין פּנים אַרײַן:

---

[1] „בונקער"—אַ גרוב, וווּ מע לייגט אָן קוילן.

[2] סקיפּ—פונעם גרוב בענגט די דער סקיפּ אַליין אָן און טראָגט זיי אַרויס.

— צווײ שאָ איז זי געשטאַנען, די לאָווע. ווײסט איר?

— באַ קײנעם איז דאָס קײן ענטפער אױפֿן פּאַרוואָלטערס פֿראַגע ניט געווען, און מע האָט זיך קײנער מיט קײן וואָרט ניט אָנגערופֿן. האָט צאַט אַלײן ווײַטער געזאָגט:

— אָט ערשט, טאַקע נאָר וואָס, האָט מען זי דורכגעלאָזט די לאָווע — און נאָך אַ האַפּסאָקע ווײַטער. — אַזאַ שאַכטע, ווי „בית" איז דיר ניט „יעלענע". ס'איז ניט „מאַריע". ס'איז ניט „סאָפֿיע". — דאָס איז אונדזער אײגענע שאַכטע „בית"! דאָ דאַרף מען קײן שליטנס ניט שלעפּן. דאָ גײט קײן קײלע ניט אָן. דאָ דאַרף מען וויסן „פֿאַוזעס". דרײַ פֿאַוזעס מוזן אַלע אַרבעטער דאָ וויסן.

— לערנסט זיך דאָ אױפֿן קױלנשנײַטער אַרבעטן? — האָט רובײַלע געפֿרעגט אין גוטן מוט. נאָר ראָמאַן איז מיט גוטן ניט געווען גרײט צו רײדן. צו די ווערטער, וואָס ער דאַרף אַרױסזאָגן, גרײט ער זיך שױן פֿון גאַנץ לאַנג, און אַלעמאָל וויקלט ער זײ אײַן אין בײַזקײַט. אױב דער פּאַרוואַלטער וויל גאָר, קען אים צאַט אױפֿקשטעלן אַזעלכע קאַשעס: פֿאַרוואָס עפֿנט מען די שאַכטע שױן זיבן יאָר? פֿאַרוואָס האָט מען געלאָזט דעם קאָרב אַראָפּפֿאַלן? פֿאַרוואָס האָט מען קײן עלעקטריקער ניט צוגעגרײט? נאָך ווען איז ראָמאַנען אײַנגעפֿאַלן לערנען זײַנע קינדער פֿאַר עלעקטריקער. און אָנשטאָט אַלע פֿראַגן שרײַט ער טאַקע אױס:

— וויבאַלד, אַז ס'פֿעלט אַזױ באַלמעלאָכעס, וועל איך ברענגען אַהערצו מײַן טאָניען.

— טאָניען דאַרף מען נאָך דערוויַל אַהערצו ניט, — זאָגט ווידער מיט גוטן רובײַלע, — זאָג בעסער, דו וועסט זיך אױף דער קױלנשנײַט־מאַשין טאַקע אױס־לערנען אַרבעטן?

— פֿאַר מיר זאָרגט זיך שױן ניט. איך וועל זיך שױן אױסלערנען. אָבער מע דאַרף... איצטער דאַרף מען...

גראָדע איצטער האָט „בית" אױסגעזען מעכטיק ביז גאָר. ניט קײן שאַכטע איז דאָס געווען, נאָר אַ זאַוואָד, אַ גרױסער פֿילראַשנדיקער זאַוואָד. דורך וועלכע לאַווע ראָמאַן איז ניט דורכגעגאַנגען, האָבן זײ געשײַנט און גערוישט. ניט קײן סיאָבע מיט דער זשעלאָנגע — אײנעם און נאָך אײנעם; ניט קײן קריץ פֿון אַ גליטשנדיקן שליטן — קרעכץ און קרעכץ — האָט מען געהערט, נאָר אָנופֿהערלעכע טאַראַכקען, טיפֿע בית, שרײַענדיקע רוק. אַלע — די מענטשן מיט די מאָטאָרן — זײַנען געווען אַזױ פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַז ראָמאַנען האָט זיך אױסגעוויזן, ווי זײ רופֿן אױס:

— ניט איבעררײַסן!

— יעדערער פאַר אַלעמען!

צאַט האָט איצט גוט געהערט, ווי די מאָטאָרן דרייען געשווינד אין זיך די „ראָטאָרן". און ער מעג שווערן, אַז ער האָט געכאַפּט, ווי זיי ציִען שטיל אין זיך איין ביטע:

— מיך—רירט—ניט. שיט—ניט אין מיר—שטיב...

און אַלעמען און אַלץ האָט איצט באַלויכטן בלענדנדע שײַן פון גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, קעדיי גוט זען: האָט טאָן, ווי טאָן, קיין טאָעס ניט מאַכן.

איבער אַלע שטרעקן, וועלכע צאַט האָט איצט דורכגעשפּרײַזט, האָבן געיאָגט לאַנגע „צוגן" הין און צוריק. בענזין־שכופערס האָבן אָפּ־און־אויף געפירט וואַגאָנעס, אָנגעפילטע מיט אַנטראַצים, און לײַדיקע. אַלע האָבן מיט אַ ניט געוויינלעכער אַקשאָנעס געזשובט: געסטאַרעט זיך קומען צו דער צײַט, טרעפן פּונקט צום אָרט. און טאַקע ווײַל אַזוי, האָט זיך ראָמאַנען שטאַרק געוואָלט, אַז יעדערער זאָל קעסיידער פאַרשטיין, גוט פאַרשטיין. נו, און וואָס וואָלט עס געשאַדט מענטשן, אַז זיי זאָלן שטענדיק־שטענדיק אײַנזינען האָבן די מאַשינעס, זיי צוליב טאָן און אָפּהיטן זיי? און גראָד אַזעלכע אַרבעטער דאַרף ביז צום שטאַרבן האָבן די שאַכטע „ביס". ווײַל גראָד די שאַכטע „ביס", וואָס איז שוין אײַנגאַנצן אַן אייגענע, דאַרף האָבן אַנדערע מינים אַרבעטער... נו, אַנדערע, גאָר־גאָר אייגענע אַרבעטער. אַזעלכע אַרבעטער דאַרף מען גרייטן און גרייטן אַנו, צי האָבן עס רעכט אײַנזינען די פּאַרוואַלטערס? אָט וועגן דעם וועט ראָמאַן באַלד אָפּרײדן מיט פּיאָטער אַפּאַנאַסעוויטש, דערבײַ וועט פיליפּ אויך שטיין. זאָל יענעם נאָכדעם דער סעקרעטאַר אַ נעם טאָן, ווי פאַר אַזאַ זאַך קומט...

אָבער אַפּנ גאַנצן וועג האָט ער דעם דרײַלינג ניט געפונען... ערשט, ווען ער איז אַרײַן אינעם גרויסן אַרצ־הויף, האָט ראָמאַן זיי דערזען לעבן שטאַם. צאַט האָט זיך געטײַלט זיי דעריאָגן. ביז ער איז צוגעגאַנגען צום שטאַם, האָט זיך דאָס טירל פון דער שטײַג אויפגעעפנט, און דער דרײַלינג איז אַרײַן אין קאָרב. ראָמאַן צאַט האָט נאָר געכאַפּט די לעצטע ווערטער פיליפּ סאָטניוקס, דעם סעקרעטאַרס.

— איז שוין אַ קלאָרע זאַך, אַז מיר עפענען דאָ די נאָענטסטע טעג קורסן פאַר אַרבעטער און דעסאַטניקעס.

און דער קאָרב האָט פּאַמעלעך־פּאַמעלעך זיך גענומען הייבן אַרויף...

***

אינ דעמ אפדערנאכט האָבנ אינ דער נײַער, אָקאָרשט אויסגעבויטער קאָלאָניע אָנגעצונדנ זיכ זייער אסאכ עלעקטרישע לעמפּלעכ. צוערשט זײַנענ זיי געווענ בלאסע, סטאמ בליאסקנדיקע, שפּיגל־גלאָזיקע רייפּעלעכ; שפּעטער זײַנענ זיי געוואָרנ העלער אונ געבלענדט אזוי, ווי הונדערטוואטעדיקע לעמפּ קאָנענ בלענדנ. אָט דעמאָלט האָט מענ ערשט געזענ, אז אינ קאָלאָניע ברענענ אָנ א שיר ליכט; אונ ערשט דעמאָלט האָט מענ געקענט באמערקנ, אז די שטערנ ווינקענ־ווינקענ אונ כאלעשנ גאָר אוועק.

אָבער מער פונ אלעמענ האָט אכטונג גערופנ די ווירעלעמפּ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ בא דער סאָרטיראָווניע אונ זיכ געצויגנ העט־העט נאָכ דער קאָלאָניע, העכער צענ קילאָמעטער, אזש ביז דער רײַאָנער עלעקטרישער סטאנציע. די ווירע לעמפּ האָט באגלייט די גאנצע אײַזנבאנ אינדערלופטנ. די לאָמפּנ האָבנ געוויזנ א לאנגע טשערעדע האלבטאָניקע וואגאָנעס, וואָס הענגענ אינ א זעלטענעמ סיידער, אפ א פּינקטלעכנ אונטערוואל איינער פונ צווייטנ. יעדער וואגאָנ, וואָס האלט זיכ שפּילנ מיט אנ אײַזערנעמ פויסט פאר דער רעלס, גוידערט זיכ אנ אָנגעלאָדענער מיט „קוילנשטיב"—אהינצווועגנס מיטנ מזל ארופ, אונ צוריק רוקט ער זיכ א ליידיקער שוינ מיטנ קאָפּ אינ דער זײַט... אונ צום די לאנגאָניקע שנור בלענדנדע ליכט מאכט די לעוואָנע אָפּגעגאנגענ, פארהײַטלט.

פיליפּ איז איצט געגאנגענ אינ קלוב ארײַנ מיט א געמיש אינ קאָפּ. זײַנ רעדע אפ דער פײַערלעכער עפענונג פונעמ אָוונט איז בא אימ שוינ גרייט אויסגעארבעט פונ עטלעכע טעג. ווענ ער איז הײַנט אפדערנאכט ארויס אינ דרויסנ אונ דערזענ פאר זיכ אזויפיל ליכט, אזויפיל בליאסק, אזא באוועגונג אונ אזא רויקײַט—איז ער עטוואָס צעמישט געוואָרנ, אָבער אינ א ווײַלע ארומ האָט זיכ אינ קאָפּ אלץ אויסגעלײַטערט, אונ ער איז געוואָרנ נאָכ מער פול מיט אימפּעט ארויסצוטרעטנ הײַנט פאר דער שאכטיאָרישער מאסע. אונ דאָ האָט דער געהויקערטער דײַטש אביסל צעקאליוכעט די געדאנקענ. דוכט זיכ, סאָטניוק האָט ניט אלץ אָפּגעענטפערט וואָס מע דארפ. אפ אייניקע ווערטער דעמ דײַטש וואָלט פיליפּ באדארפט אנדערש ענטפערנ. אונ אָט די ענטפערנ האָבנ בײַסנ ריידנ געמוטשעט סאָטניוקס געשטופּלט געזיכט. אלע ווײַלע האָט דער סעקרעטאר א שלאָג געטאָנ ארופ, אונ ס׳האָבנ זיכ אפנ צונג געפּלאָנטערט ווערטער:

— איז, כאווײרים, א קלאָרע זאכ, אז די טעכניק איז בא אונדז ניט בלויז אנ עקאָנאָמישע פראגע, א ווירטשאפטלעכע פראגע, נאָר כאווײרים, ס׳איז א קלאָרע זאכ, אז די טעכניק איז בא אונדז א פּאָליטישע פראגע.

דער נײַער זאל איז, מיסטאָמע, געוועג גרויס, ווײַל די גאנצע קאָלאָניע מיט מענטשנ איז אינ אים ארײַנ, אונ אָנ שיר דעלעגאציעס פונ אנדערע שאכ־טעס. ער איז געווענ אזוי אָנגעפּיקעוועט, אז ס'איז שוינ אלצײנס, צי ער איז א גרויסער, צי א קלײנער. אָטעמענ איז אינ אים שוינ געווענ שרעקלעכ שווער. וואַרפנ האָט מענ נאָכ אינ זאל געקאָנט—ווערטער אונ אָט די ווערטער זײַנענ געקראָכנ צו דער סטעלע, אונטער די בענק, אינ אלער־לײ שפּאלטנ, קאָרבנ. אָבער מיט דער צײַט איז אינ דעם גרויסנ, נײַעם זאל געוואָרנ ענג פאר ווערטער אויכ. ס'האָט זיכ געפילט, אז נאָכ א אָט—וועט דער זאל פונ זיכ אָנהײבנ זעצנ צוריק מיט ווערטער. אונ ווענ דער סעקרע־טאר פונעם פארטײ־קעמערל פיליפ סאָסניק האָט אויסגעשריגנ:

— איז א קלאָרע זאכ, אז אפ אונדזער גרעסטע שאכטע אינ דאָנבאס, אפ דער מעכאניזירטער שאכטע נומער פינפ „ביס" דארפנ מיר האָבנ, אז אלע שאכטיאָרנ זאָלנ ליב האָבנ די מאשינעס, זאָלנ ווערנ באלעבאטים איבער די מאשינעס. זאָלנ זײַנ צוגעבונדנ... א קלאָרע זאכ... זאָלנ...

איז מיט די ווערטער דער זאל געוואָרנ איבערגעזעטיקט. ס'האָט אָנגע־הויבנ זעצנ צוריק, בולבענ:

— קאדרענ;

איבער אלע שפּעלטעקלעכ, פאלדנ, קנײטשנ האָבנ געשוועבט קוילנ:

— קאדרענ!

— פראָדוציר־קאדרענ!

... איצט וואָלט שוינ קײנער פונ די בײַגעוועזענע ניט געפרואווט ארויס־גײנ אפ דער בינע: ניטאָ וווהינ ארײַנוואַרפנ ווערטער. אונ ווער קאָנ איצט צוטראכטנ אזעלכעס, וואָס זאָל זײַנ בעסער צעשטופּנ די ענגשאפט אונ מאכנ זיכ אָרט. דער אײנציקער, וואָס האָט זיכ געקליבנ דאָס מאָל, איז געווענ ראָמאנ צאס. ער גרײט זיכ ארויסזאָגנ זײַנע ווערטער שוינ נישט פונ דעם אפדערנאכט אָנ. אפ דעם אָוונט וואַלט זיכ ראָמאנ צאס שוינ היפּשע עטלעכע יאָר, אויב ניט זײַנ גאנצנ לעבנ. ער דראפּעט זיכ ארויפ אפ דער בינע; שטעלט זיכ אוועק בא א זײַט אונ שרײַט אומדערוואַרט פארנ זאל אויס:

— אפ אונדזער גרויסער שאכטע—איז גאָלע קאָנווײער. אײנער שטעלט זיכ אָפּ—שטעלנ זיכ אלע אָפּ. אונדזער שאכטע „ביס" דארפ האָבנ זײער גוטע באלמעלאָכעס. אלע אונדזערע שאכטיאָרנ דארפנ נײַטיק וויסנ „פאזעס", וועקסל־שטראָם, אזא שײנהײַט ווי „ביס"—דארפנ וויסנ... אלע וויסנ... אונדזער פאר־טײ־קעמערל דארפ זאָרגנ...

ЦАНА 35 кап. פּרײַז 35 קאָפּ.

[illegible]РЭЙСКАЙ МОВЕ

М. Альбертон

Шахта „Біс"

[illegible] Выдавецтва [illegible]

[illegible]

[illegible]

НА ЕВРЕЙСКОМ ЯЗЫКЕ

М. Альбертон

Шахта „Бис"

[illegible]дарственное Издательство

Белоруссии

Минск — 1932